STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03018

MAYN ANTOLOGYE FUN DER RUSISHER POEZYE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר זימל טקאַטש

מיין

אַנטאָלאָגיע

פון דער רוסישער פּאָעזיע

תל-אביב, תשל״ד - 1973

"MAIN ANTOLOGIE FUN DER RUSISHER POEZIE"
(My Anthology of the Russian Poetry)

by MEYER ZIML TKATCH

הויפּטפֿאַרקויף : „ציקאָ״ ביכער־צענטראַלע
"CYCO", 25, EAST 78th ST., NEW YORK, N. Y. 10021

סידור : משה חמיאל הדפסה : „חבצלת״, הרצליה
TYPESETTING : MOSHE HAMIEL PRINTING : "HAVATZELET", HERZLIA

אינהאַלט

הקדמה 4
אַלעקסאַנדער פּושקין 6
פעדאָר טיוטשעוו 11
אַלעקסיי קאָלצאָוו 17
מיכאַיל לערמאָנטאָוו 19
אַפאַנאַסי פעט 23
ניקאָליי נעקראַסאָוו 26
א. נ. מאַיקאָוו 29
אי. ס. ניקיטין 30
שמעון פרוג 33
סעמיאָן נאַדסאָן 35
פעדאָר סאָלאָגוב 39
קאָנסטאַנטין באַלמאָנט 44
זינאַידאַ גיפּיוס 48
סקיטאַליעץ 50
מ. א. לאָכוויצקאַיאַ 50
איוואַן בונין 51
וואַלערי בריוסאָוו 54
מיכאַיל קוזמין 55
אַלעקסאַנדער בלאָק 56
אַנדריי בעלי 61
ניקאָליי גומיליאָוו 64
וולאַדיסלאַוו כאָדאַסעוויטש 67
איגאָר סעווועריאַנין 68
אַנאַ אַכמאַטאָוואַ 70
באָריס פּאַסטערנאַק 82
אָסיפּ מאַנדעלשטאַם 86
מאַרינאַ צוועטייעוואַ 90
וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי 102
סערגיי יעסענין 105
מאַרגאַריטאַ אַליגער 115
יעווגעני יעווטושענקאָ 116
אַנדריי וואָזנעסענסקי 122
בעלאַ אַכמאַדולינאַ 125
יוסף בראָדסקי 127

הקדמה

אַז אַן איבערזעצונג בכלל, און פון פּאָעזיע בפּרט, איז ניט מער ווי אַ סוראָגאַט פונעם אָריגינאַל, ווייסט קינד און קייט, נאָר אַז דעריבער איז ניט שייך צו דערוואַרטן פון דער איבערזעצונג זי זאָל פּינקטלעך איבערגעבן דעם אָריגינאַל מיט אַלע פּיטשעווקעס, — דאָס פאַרגעסן אַפילו קולטורעלע לייענער און קריטיקער, וואָס הערן ניט אויף פּעדאַנטיש צו פאָדערן, אַז די איבערזעצונג זאָל ווי די „לינקע" זייט פון די לוחות-הברית — מיט די אויסגעבליצטע אותיות אויף דורך און דורך — זיך לייענען, פּונקט ווי די „רעכטע" זייט (ניט ווי שפּיגל-כתב).

דעם נס האָט געקענט באַווייזן בלויז גאָט, און ניט קיין בשׂר-ודם. אַפילו דער פּאָעט פון זיין אייגן ווערק, ווען ער אַליין זעצט עס איבער אויף אַן אַנדער שפּראַך, קומט אַרויס זיין איבערזעצונג אַנדערש פון זיין אָריגינאַל. נעמט לדוגמא ביאַליקס „בעיר-ההרי-גה" און זעט ווי אַנדערש עס איז זיין אייגענע איבערזעצונג דער-פון אויף יידיש — „אין דער שחיטה-שטאָט". די אַנדערשקייט נעמט זיך ניט בלויז פון דעם, וואָס דער שרייבער האָט באַוווסט-זיניק געוואָלט עפּעס ענדערן אין זיין ווערק צי אויסבעסערן, נאָר וואָס לשון איז ניט כּחומר ביד היוצר, וואָס לאָזט זיך טאָן מיט זיך וואָס מען וויל, נאָר דער מעדיום האָט אַ היפּשע דעה אין שאַפונגס-פּראָצעס. און ווען צען איבערזעצער — צווישן זיי קלאַ-סיקער פון אונדזער ליטעראַטור — האָבן יעדער באַזונדער איבער-געזעצט ביאַליקס „הכניסיני תחת כּנפך", איז אוודאי קיין ווונ-דער ניט, וואָס קיין איינע פון די צען איבערזעצונגען * איז ניט נאָר ניט פּינקטלעך ווי דער אָריגינאַל, נאָר זיי אונטערשיידן זיך אַפילו צווישן זיך אַליין. יעדע איינע איז אַן אַנדער וואַריאַנט פון אָריגינאַל. און דאָס אייגנטלעך בעצם איז אַן איבערגעזעצט ליד: אַ וואַריאַנט, אַן איבערדיכטונג.

דער איבערזעצער פון פּאָעזיע איז ניט קיין מעכאַנישער טאָל-מעטשער, נאָר אַן איבערדיכטער, אַ מיטשאַפער און אַן אויסטיי-טשער, אָט ווי דער שוישפּילער טייטשט אויס דעם העלד פונעם דראַמאַטורג. נעמט לדוגמא די ראָלע פון שעקספּירס שיילאָק — ווי עס שפּילט זי אַן אַנטיסעמיט און ווי ס'שפּילט זי אַ ייד. אין די פאַרפיקסירטע גרענעצן איז נאָך אַלץ פאַראַן אָרט פאַר אַ ביסל שעפערישער פרייהייט, וועלכע דער קינסטלער-איבערזעצער דער-לויבט זיך אַליין צו נעמען, ווייל אָן איר געבערט ער ניט קיין נאָרמאַל לעבעדיק קינד, נאָר אַ מעכאַנישן מפּיל.

---

* אַלע צען איבערזעצונגען — זעקס אַלטע און פיר נייע — זיינען געוואָרן גע-דרוקט אין „פאָרווערטס", ניו-יאָרק, אָנהייב 1973סטן יאָר.

ביים איבערזעצן די רוסישע לידער פון אַט-דער אַנטאָלאָגיע האָב איך קודם באַצוועקט זיי זאָלן זיך אין דער איבערזעצונג לייענען ווי ניט קיין איבערזעצונגען, נאָר ווי אָריגינעלע יידישע לידער מיט אַ רוסישן איינפלוס. דערפאַר, ווען אַ שורה אין רוסיש פון — למשל — צען זילבן האָט ניט געקענט אַריין אין אַ יידישער שורה פון זעלבער צאָל זילבן, האָב איך די יידישע שורה געמאַכט לענגער; ווען דער גראַם אין אָריגינאַל איז לויט אַן אויסגעהאַל-טענעם סדר, האָב איך צוליב דער קלענערער מעגלעכקייט צו גראַמען אין יידיש ווי אין רוסיש (מיט די זעקס בויגונגען פון סוב-סטאַנטיוו) און צוליב דעם נאַטירלעכן גאַנג פון געדאַנק און אויס-דרוק, ניט תמיד דעם סדר אָפּגעהיט, נאָר געגראַמט ווי ס'האָט זיך געלאָזט, און אַמאָל (ניט אָפט) געביטן אַ כאַריי אויף אַ יאַמב צי געמישט די אַנדערע משפחהדיקע מאָסן פון ריטעם און אַפילו געענדערט די סטרוקטור פון די סטראָפעס. בקיצור — כ'האָב „געזינדיקט" קעגן דער פאָרעם צוליב דעם אינהאַלט, נאָר אויך אינעם אינהאַלט דאָ און דאָרט „געלייגט אַן איי אין אַ פרעמדן נעסט", אָבער אַזאַ מין „איי", וואָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט צווישן די אַנדערע אייער אין נעסט. איך האָב מיטגעשאַפן.

רעזומע: מיינע איבערזעצונגען זיינען פּאַראַפראַזירונגען, וואַ-ריאַנטן, איבערדיכטונגען. ס'איז פאַרן יידיש-לייענער, וואָס קאָן ניט קיין רוסיש; סיידן אויך פאַר אים, וואָס קאָן, נאָר וויל זען דעם גילגול פון רוסישן אָריגינאַל אין מיין איבערזעצונג אויף יידיש.

דער סדר פון די פּאָעטן איז כראָנאָלאָגיש לויט די יאָרן פון זייער געבורט. די צאָל לידער אויף איינעמס חלק איז ניט תמיד לויט זיין סטאַזש; אַ מאָל איז די צאָל גרעסער בלויז דערפאַר וואָס במשך פון דער צייט האָט זיך ביי מיר פון עטלעכע זייערע אָנגעקליבן מער ווי פון אַנדערע. כ'האָב אויך פריִער, איידער כ'האָב געטראַכט וועגן דער אַנטאָלאָגיע, איבערגעזעצט פון דער רוסישער פּאָעזיע.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס עפנטלעך מיין דאַנק צו מיינע פריינד: **פעשקע מאַגיד-אַברינסקי** און **רפאל דאַניס** פאַר לאָזן מיך זיך באַנוצן מיט זייערע רוסישע ביכער ביים צוזאַמענ-שטעלן די אַנטאָלאָגיע.

מאיר זימל טקאַטש

1973

אַלעקסאַנדער פּושקין (1799 — 1837)

צו דעם פּאָעט

(סאָנעט)

פּאָעט, צו הויך ניט שעץ די ליבע פון המון!
די לויבגעזאַנגען וועלן אַ מינוט געווערן,
דעם נאַרס קריטיק, דעם פּעבלס לאַך באַלד וועסטו הערן,
נאָר דו בלייב פעסט און האַרט — אַ דעמב אין פלאַכן פלוין.
ביסט קיסר: לעב אַליין, בסתר אָן אַ קרוין
און גיי וווּהין עס ציט דיך דיין געדאַנק דער פרייער,
די פרוכט פאַרפולקום פון דיין טרוים, וואָס דיר איז טייער,
און פאַר דיין אויפטו נאָבעלן ניט מאָן קיין לוין.

ער איז אין דיר אַליין. דו ביסט דיין העכסט־געריכט:
דו ביסט דער שטרענגסטער קריטיקער אַליין צו זיך.
ביסט דו, מפונק, צופרידן מיט דיין מי?
צופרידן? מעג דער פּעבל זידלען, שילטן דעמאָלט,
באַשפּייען דיין מזבח, ווו דיין פייער פלעמלט,
דיין דרייפוס שאָקלען קינדיש־ווילד — ער שטייט סיי־ווי...

ווינטער אין וועג

דורך די כוואַליעקע טומאַנען
די לבנה שלעפּט זיך, קריכט,
אויף די טרויעריקע לאַנען
טרויעריק זי גיסט איר ליכט.
אויפן שליטוועג נודנעם, לאַנגן
לויפט די פלינקע טראָיקע פערד
און דאָס גלעקל קלינגט איינקלאַנגיק
און פאַרמאַטערט דעם, וואָס הערט.
אין די לידער פונעם פורמאַן
עפּעס אייגנס איך פאַרנעם:
אָט פון הוליען און פון שטורמען,
אָט פון האַרצן אין פאַרקלעם...

ווײסטעניש און שניי... כ׳באַגעגן
ניט קײן פֿײער, ניט קײן הויז,
צײטנווײז מיר לויפֿט אַנטקעגן
אַ געשטרײפּטער מײלסלופּ בלויז.
טריב און נודנע... מאָרגן, נינע,
צו מײן ליבסטער קום איך אָן,
אַלץ פֿאַרגעס איך בײם קאַמינעק,
כ׳קוק פֿאַרטרוימט ווי ס׳ברענט אַ שפּאָן.
קלינגענדיק דער זײגער טײַטלט,
אַז דער צירקל איז געמאַכט,
און די שלעק פֿון זיך דערווײטערט,
אונדז צעשײדט ניט די האַלבנאַכט.
איצטער, נינע, האָט מײן קוטשער
אײנגעדרעמלט — ס׳ליד זײנס פֿעלט,
ס׳גלעקל מאָנאָטאָן דאָקוטשעט,
די לבנה איז פֿאַרשטעלט.

פּערזן

צי כ׳גײ אין גאַסן פֿון געדרענג,
צי כ׳קום אין טעמפּל מענטשן־פֿולן,
צי כ׳זיץ מיט יונגעלײט, וואָס דולן, —
וווּ כ׳זאָל ניט זײן, איך טראַכט און דענק.
איך זאָג: ווי פֿיל מיר זײנען דאָ,
מיר וועלן אַלע מיט די יאָרן
אויף אײביק נידערן אין קבֿרים —
פֿאַר עמעצן שלאָגט שוין די שעה.
כ׳קוק אָן דעם דעמב, זײן אַלטן שטאַם
און כ׳טראַכט: דער פּאַטריאַרך פֿון וועלדער
וועט איבערלעבן מײן לעבנס שפּאַן,
ווי מײנע אָבֿות אויף די פֿעלדער.
איך גלעט אַ קינד און אין אַ זײט
איך זאָג אַ זײ־געזונט אַ פּריִען:
כ׳לאָז איבער דיר מײן אָרט, ס׳איז צײט
צו פֿוילן מיר, און דיר — צו בליִען.
אַ יעדן טאָג, וואָס גײט אַוועק,
באַגלײט איך מיט אַן איבערקלערן;

כ׳וויל טרעפן וועלכער פון די טעג
מיין יאָרצייט נאָך מיין טויט וועט ווערן.
און ווו איז שטאַרבן מיר באַשערט:
אין שלאַכט, אין וואַנדער צי אין וועלן?
און וועט פון נאָנטן טאָל די ערד
מיך צונעמען, ווען כ׳וועל זיך פעלן?
כאָטש פאַרן קערפּער אָן געפילן
אַלץ איינס איז ווו עס דאָרט ס׳געביין,
פון דעסטוועגן איז איצט מיין ווילן
צו רוען נענטער צו מיין היים.
און ס׳זאָל ביים קבר אַ יונג לעבן
זיך שפּילן, ווי פון טויט געלאַכט,
און די נאַטור עגאַל דערנעבן
זאָל שיינען אייביק מיט איר פּראַכט.

אַ בלימל

איך זע, פאַרגעסן אין אַ בוך,
אַ טרוקן בלימל, אָן גערוך.
און באַלד מיין דמיון איז צעשפּילט,
מיט מאָדנע פראַגעס אָנגעפילט.

אַווו האָט עס געבליט? און ווען?
וואָס פאַראַ פרילינג איז געווען?
און אויסגעריסן האָט עס ווער?
צו וואָס אַריינגעלייגט אַהער?

אין אָנדענק פון אַ ראַנדעוווּ?
צי פון אַ שיידונג מיט געוואַלד?
פון אַ שפּאַציר — אַליין, אין רו
פון שטילע פעלדער און פון וואַלד?

און לעבט ער נאָך, צי לעבט נאָך זי?
איז זייער ווינקעלע נאָך הי?
צי זיינען זיי פאַרוועלקט שוין אויך,
ווי אָט דאָס בלימל אָן ריחס הויך?

אויסגעלעבט און אויסגעליבט

כ׳האָב אויסגעלעבט שוין די באַגערן מיינע,
כ׳האָב אויסגעליבט שוין זיך פון מיינע טרוימען;
געבליבן זענען מיר בלויז ליידן, פּיינען —
פון פוסטן וויסטן האַרץ די מדבר־זוימען.

פון אונטער גורלס אַכזריקע שטורעמס
פאַרוועלקט געוואָרן איז מיין קראַנץ פון בלומען —
איך עלנט און אין צער, אַ בעל־יסורים,
איך וואַרט, קוק אויס: ווען וועט מיין סוף שוין קומען?

אַזוי, באַזיגט פון שפּעטן האַרבסט און קאַלטן,
ווען ווינטערס פייפן הערט מען אין געוויטער,
אַליין — אויף נאַקעט־הוילער צווייגל ציטערט
אַ בלעטל, וואָס האָט זיך צו לאַנג געהאַלטן!...

לעצטע בלומען

די לעצטע בלומען זיינען זיסער
פון אַלע ערשטלינגס אויפן פעלד.
זיי וועקן טריבע טרוימען פרישער
און לעבעדיקער פאַרגעשטעלט.

אַזוי אַמאָל איז די געזעגעניש
מער איינדרוקספול פון דער באַגעגעניש.

דער דערטרונקענער

ראַש אין שטוב אַריינגעפלויגן,
ס׳קליינוואַרג אָן אַן אָטעם רופט:
„טאַטקאָ, ס׳האָט אַרויסגעצויגן
אונדזער נעץ אַ טויטן גוף!"
„ליגנערט, ליגנערט, איר שוואַרציאָרן, —
ייזערט זיך דער פויער אָן:
ינדער זיינען פאַנטאַזיאָרן.
וייסט איר וואָס דאָ שטייט אין קאָן?
אַליצייַ, דאָפּראָסן האָסטו,
יינמאָל וואַסטו זיך ניט ריין.
יב מיין קאַפטן, באַלעבאָסטע,
אָמיך שוין אַ קוק טאָן גיין.
ו זשע איז דער מת?" — „ביים וואַסער".
זאַקע אויפן זאַמד ביים ברעג
עם צעשפּרייטער נעץ דער נאַסער
יגט אַ טויטער אויסגעשטרעקט.
שרעקלעך, אָן געשטאַלט, אָן פורעם
איז דער מת — געשוואָלן, בלאָ.
אָט אַליין אַ בעל־יסורים
יך געוואָרפן צו דעם דנאָ?
אָט אַ וועל אַ פישער איינגעשלונגען?
שיכּור איז געפאַלן פון אַ בריק?
באַנדיט אַ סוחר האָט דערטרונקען
אָכן רויבן זיינע זילבערשטיק?
אָר וואָס גייט עס אָן אַ פויער?
וקט ער זיך אַרום און גלייך
עם טויטן קערפּער אָן באַדויער
אַר די פיס ער שלעפּט אין טייך
ון פון ברעג געדרייטן, קרומען
יט אַ וועסלע שטופּט אים אָפּ —
אָל ער צו זיין קבורה קומען
ייטער מיטן שטראָם אַראָפּ.
אַנג אויף כוואַליעס האָט דער טויטער
יך געוויגט, ווי לעבנדיק געהיים.
ונדזער פויער האָט באַגלייט אים
יט די אויגן און ער גייט אַהיים.
הינטלעך, קומט מיט מיר אינײנעם!
קריגט אַ בייגל יעדער קינד.
בער זעט, דערציילט ניט קיינעם;
לאַפט איר, — די הויט איך שינד".

ביינאַכט צעשטורעמט זיך דער וועטער,
דער טייך צעכוואַליעט זיך מיט ברויז.
דאָס קינעלע דאָס פּעכיק־פּעטע
אין כאַטע מיט אַ רויך גייט אויס.
ווייב און קינדער רויִק שלאָפן,
דער פויער האָט זיך אויפגעכאַפּט:
האָגל האָט אין שויב געטראָפן?
צי אַ מענטש אין פענצטער קלאַפּט?
„ווער איז דאָרטן?" נעמט ער שרייען.
— „לאָז אַריין מיך איבער נאַכט!"
„דו ביינאַכט ניט וואָגל, קין!
דער רוח האָט דיך אַהער געבראַכט.
ס׳איז אין כאַטע ענג און פינצטער,
פאַר אַ גאַסט ניטאָ קיין אָרט".
מיט אַ פוילער האַנט דעם פענצטער
עפנט ער, קוקט — ווער ס׳איז דאָרט.
די לבנה גיט זיך פונקט אַ קוילער
פון אַ כמאַרע, קוקט ער אָן:
שטייט פאַר אים אַ נאַקעט־הוילער,
וואַסער פון זיין באָרד — אַ שטראָם;
אָפענע באַוועגלאָזע די אויגן;
הענט אַראָפּגעלאָזטע — טויט,
און ראַקעס זיינען איינגעזויגן
אין לייב געשוואָלענעם, וואָס בלויט.
דער פויער האָט דעם גאַסט דערקענט,
דעם פענצטער האַסטיק צוגעשלאָסן.
אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן,
ס׳האָט אים געטרייסלט פיס און הענט.
ער האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.
צעמישט איז אַלץ אין קאָפּ פון פויער.
ער האָט געהערט אַ גאַנצע נאַכט —
מ׳קלאַפּט אין פענצטער און אין טויער.
פאַראַן אין פאָלק אַ קלאַנג: מען זאָגט,
אַז יערלעך אינעם זעלבן טאָג
דערוואַרט מיט פּחד און מיט טרויער
דעם גאַסט דער אומגליקלעכער פויער;
אַז דער פרימאָרגן שוין דער גרויער
דעם שטורעם פון דער נאַכט גרייט צו,
ווען דער דערטרונקענער אָן רו
קלאַפּט אין פענצטער און אין טויער.

פעדאָר טיוטשעוו (1873—1803)

SILENTIUM — שטילקייט

שווייג שטיל, באַהאַלט זיך און פאַרהיל
דיין שיינעם טרוים, דיין צאַרט געפיל,
זיי זאָלן אויפגיין און פאַרגיין
אין טיפעניש פון דיר אַליין,
אַזוי ווי שטערן, שטומערהייט:
קוועל אָן פון זיי — און שווייג, ניט רייד!

קאָן ס'האַרץ דערציילן, וואָס אים פּלאָגט?
פאַרשטייט אַ צווייטער, וואָס עס זאָגט?
ניטאָ קיין שפּראַך, וואָס איבערצייגט;
געדאַנק אַרויסגערעדטער לייַגט;
צעבויטעסט בלויז דעם קוואַל, וואָס שלאָגט:
יניקה שעפּ פון אים — און שווייג!

בלויז אינזיך לעב. אַ גאַנצע וועלט
איז אין דיין זעל, ווו גאָרניט פעלט —
קיין סוד, קיין כּישוף, קיין געדאַנק;
ס'פאַרטויבט פון דרויסן דאָס געדראַנג,
ס'צעטרייבט דאָס ליכט פון טאָג אַרום:
דו האָרך דאָס ליד אין זיך — און שטום!

טרערן

מענטשישע טרערן, אָ, מענטשישע טרערן,
תּמיד — צי פרי איז, צי שפּעט איז, — איר רינט...
איר, אומגעזעענע, ווי אומפאַרגעבלעכע,
גיסט זיך, אָנצאָליקע און ניט־אויסשעפּלעכע,
גלייך ווי אַ גאָסרעגן, ניט אויפצוהערן,
גיסט אין אַ האַרבסט־נאַכט, וואָס טויב איז און בלינד.

כוואַליע און געדאַנק

כוואַליע נאָך כוואַליע, געדאַנק נאָך געדאַנק —
דערשיינונגען צוויי פון איין סטיכישן דראַנג!
אין ענגשאַפט פון האַרצן, אין רחבות פון ים,
דאָ — אין געפענגעניש, דאָרט — אָן פאַרצאַם:
דער זעלבער געפליס — צו און אָפּ, אָפּ און צו,
דער זעלבער געשפּענסט פון אַ פּוסטקייט אָן רו!

לעצטע ליבע

אָ, ווי אויף דעם שיפּוע פון אונדזער זיין
מיר ליבן צערטלעכער, פאַנאַטיש־פרימער!..
שטראַל, שטראַל, געזעגנדיקע שיין
פון לעצטער ליבע, אָוונטיקן שימער!

אַ האַלבן הימל האָט אַ שאָטן שוין פאַרדעקט,
בלויז דאָרט אין מערב גליט נאָך גאָלד און צונטער, —
דו אָוונטיקער טאָג, גיי נאָך ניט אַוועק!
נאָך דויער, דויער, צויבערלעכער ווונדער!

מעג אין די אָדערן דאָס בלוט זיין קיל,
נאָר צערטלעכקייט אין האַרצן היט די פלאַמען...
דו לעצטע ליבע, האַרציקער געפיל,
ביסט גליקזעליק און האָפנונגסלאָז צוזאַמען.

אַלטע בריוו

זי איז געזעסן אויפן דיל,
איבערגעקוקט אַ בינטל בריוו אַן אַלטן
און גלייך ווי אַש, וואָס איז שוין קיל,
האָט זיי זי אין די הענט געהאַלטן, —

געהאַלטן און געוואָרפן... מאָדנע האָט
זי אָנגעקוקט זיי, די באַקאַנטע,
ווי די נשמה — שוין ביי גאָט —
קוקט אויף איר קערפּער דעם פאַרוואַנדטן...

אָ, וויפל לעבן איז דאָ אין זיי,
צוריק ניט מערער אומגעקערטן!
מינוטן וויפל פול מיט ווײ,
מיט ליבע פול און גליק פאַרשטערטן!..

כ׳בין אין אַ זייט געשטאַנען שטיל,
צו פאַלן אויף די קני אַ גרייטער,
און כ׳האָב געהאַט אַ טריב געפיל,
ווי בייזיין ס׳וואָלט אַ גייסט געשיידטער.

געטרוי ניט דעם דיכטער

דעם דיכטער, מיידל, טרוי אים ניט,
ניט רוף אים „מיינער" אין דיין פיבער
און מער נאָך פון זיין כּעס, זיך היט
פאַר זיין פלאַם־פייערדיקער ליבע!

דיין קינדיש זעלכל וועט ניט קענען
זיין האַרץ פאַראייגענען פאַר זיך
און הינטערן וואָל דאָס ברענען
פון שאַנד באַהאַלטסטו ניט פון ליכט.

דער דיכטער איז אַלמעכטיק, אויסער
וואָס ער באַהערשט ניט זיך אַליין:
ער ברענט דיר אָפּ, כאָטש איז ניט אויסן,
די לאָקן מיט זיין שטראַלנקרוין.

דאָס פאָלק אי לויבט אים, אי פאַרדאַמט אים,
נאָר איז דאָס טאַקע אָן אַ זין? —
ניט ווי אַ שלאַנג, דאָס האַרץ פאַרסמט ער,
ער זייגט אים אָבער, ווי אַ בין.

די ריינע האַנט פון דעם פּאָעט
דיין הייליקטום וועט ניט פאַרשוועכן,
נאָר אומגערן — דאָס האַרץ צעברעכן
צי וועט פאַרטראָגן פון פלאַנעט.

פּאָעזיע

אין מיטן פון פייערן און דונערן,
אין מיטן פון וואַסערן, וואָס שטורעמען,
ווען צווישן זיך סטיכיעס שטרייטן,
אַ הימלשע, זי קומט געלייטערט
צו אונדז די קינדער פון דער ערד,
איר בליק לאַזורנער איז געקלערט —
און זי באַגיסט מיט אייל דעם ים,
באַרויִקט זיין בונטאַרנעם סם.

צעשיידונג

צעשיידונג האָט אַ זינען ניט קיין פלאַכן —
צו זיין פאַרליבט איז חלומען אין שלאָף,
נאָר פריִער אָדער שפּעטער קומט ס׳דערוואַכן,
עס דאַרף אַ מענטש דערוואַכן סוף־כל־סוף.

אַ פראַגמענט

אָ, ווי מערדערלעך מיר ליבן!
ווען מיר, פון ווילדער ליידנשאַפט פאַרבלענדטע,
פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט פאַרלענדן
גראָד דאָס, וואָס אונדזער האַרץ האָט אויסגעקליבן!

דאָ און דאָרט

אין טונקעלן צפון, אין שפּאַלט פון אַ פעלדז
זיך וויִיסלט אַן איינזאַמער צעדער
און זיס איינגעשלאָפן אין שנייאיקן פעלץ,
אים צערטלט דער ווינט, ווי אַ פעדער.

ער חלומט און זעט אין מזרחלאַנד שטיין
אַ יונגעטשקע פּאַלמע — זיין שפּיגל:
זי בליט אונטער פרידלעכע הימלען אַליין,
אַליין אויף אַ זוניקן היגל.

באַרויקונג

אַ קרבן פון דעם דונער־גאָט פּערון,
עס ליגט דער הויכער דעמב מיט זיינע שפּליטער;
אַ גרויער רויך פון זיין געצווייג לויפט אום
אין אָפּגעפרישטן גראָז דורך דעם געוויטער.
און לאַנג שוין, אַז פולקלאַנגיקער עס שאַלט
דעם פויגלס ליד צו טרייסטן און באַרועז,
און אויף די גרינע שפּיצן פונעם וואַלד
איז אָנגעלענט דעם רעגן־בויגנס דוהע.

וועגן פייגעלעך

באַשאַפן, באַרעמהערציק האָט דער בורא
דעם פייגעלע אַ שרעקעוודיקן מיט אַ צוועק —
געגעבן איז די וואַכנדיקע מורא
פאַר אַן ערבות אויסצולעבן זיינע טעג.

ס'איז פאַרן פייגעלע ניט גוט צו זיין פאַרטרויט
אין מענטשן, אייגן זיין אין איין משפּחה,
וואָס נענטער צו זיי, אַלץ נענטער צום טויט —
ס'וואָלט אויסגיין אונטער זייערע השגחה...

אָט האָט אַ מיידעלע דערצויגן
אַ פייגעלע, וואָס איז נאָך ניט געפלויגן,
אַ קוים־באַפעדערטן גענומען פונעם נעסט,
און זי האָט אָנגעקוואָלן, ווען ער עסט,
האָט דאָס געצערטלט און געבאַלעוועט,
קיין מי און ליבשאַפט ניט געזשאַלעוועט.

נאָר ווי ניט זאָרגפעליק ס'זאָל, מיידעלע,
דיין ליבשאַפט זיין, די איידעלע,
אַ טאָג וועט קומען אומאָפּווענדלעך,
ווען דיין ניט־פאַרזיכטיקער האָדעוואַניק,
וואָס טרויט דיר און איז ניט אין פּאַניק,
וועט אומקומען פון דיינע צאַרטע הענטלעך.

אַ מאָמענט

װען אונדז װערט נמאס אַלץ אין שװערן קלעם
פון לעבן, װאָס אויף אונדז ליגט װי אַ שטיין, —
פון העלער הויט, עס װייסט בלויז גאָט אַליין
פון װאַנען ס'גיט אַ הויך מיט עפּעס אָנגענעמס
און אונדז באַפעכערט, נעמט אַרום, מאַכט מונטער
און אונדזער לאַסט אויף אַ מאָמענט הייבט אונטער.

אַזוי אַמאָל אין האַרבסט, שוין ערב װינטער,
װען פעלדער זענען ליידיק, װעלדער — הויל,
פאַרװאָלקנט — הימלען, טאָלן — אין פאַרהויל, —
נעמט פלוצעם בלאָזן גאָר אַ װינט אַ לינדער
און, װי אַ פלאַטערל, אַ בלעטל יאָגן,
װי ער װאָלט קומען פרילינג אָנצוזאָגן.

די אַלפּנבערג

דורך דער טונקל־בלויער נאַכט
קוקן אַלפּנבערג פאַרשנייטע —
אַ פאַראייזטער שוידער װאַכט
אין די אויגן אָפּגעטייטע.
שפּל פון אַ כּישוף־קראַפט,
ביז פרימאָרגנדיקן צונטער,
זעען אויס זיי נעפּלהאַפט —
מלכים פונעם טראָן אַרונטער.

װען דער מזרח נעמט זיך רויטלען,
טוט זיך באַלד דער כּישוף אָפּ
און אַ קרוין באַװייזט זיך לויטער
אויפן עלטסטן ברודערס קאָפּ.
און פון עלטסטן ברודער פאַלט שוין
אויף די קלענערע דאָס ליכט
און אין קרוינען אויפגעריכט
דאָס געזינד דאָס גאַנצע שטראַלט שוין!

אַלעקסיי קאָלצאָוו (1842—1809)

ליד פון אַ זקן

איך וועל זאָטלען דאָס פערד —
ס׳אָגערל־יאָגערל —
און איך רייט און איך פלי,
גלייך ווי אַן אָדלערל.
דורך דער ערד, איבער ים
צו אַ ווייט־ווייט לענדעלע!
און כ׳דעריאָג און כ׳קער אום
מיינע יונגע יאָרעלעך.

כ׳פוץ זיך אויס און כ׳דערשיין,
ווי דער כוואַט דער אַמאָליקער,
און כ׳געפעל איבערנייס
אַלע שיינע מיידעלעך.
וויי! קיין וועג איז ניטאָ
צו דעם פאַרגאַנגענעם!
ס׳וועט די זון קיינמאָל ניט
אויפגיין פון מערב־זייט!

שלאָף ניט, פויער

היי, דו פויער, ניט שלאָף!
פרילינג איז אויף דער וועלט,
דיינע שכנים שוין לאַנג
האָרעווען אויפן פעלד.
וועק זיך אויף, הייב זיך אויף
און אויף זיך גיב אַ קוק:
וואָס געווען? וואָס ביסט איצט?
וואָס דו האָסט אין באַזיץ?
ניט אין שייער קיין גאַרב,

ניט קיין זערנע אין שטוב;
ס׳איז פאַרוואַקסן דער הויף,
כאָטש זיך קוילער אין גראָז...
ליידיק, אונטער דער באַנק
וואַלגערט זיך דער קופערט
און געבויגן די שטוב,
ווי אַן אַלטיטשקע שטייט...
טאָג און נאַכט רק דו ליגסט
אויפן אויוון און שלאָפסט...
היי, דו פויער, שטיי אויף!

כמאַרעס

דער הימל כמורעט אַן די ברעמען,
קומען פונעם הימל כמאַרעס.
ווו האָט איר, כמאַרעס, וואָסער גענומען
און וווהין וועט איר עס טראָגן?
שוואַרצט זיך ניט אין אייך די עצבות,
די אומרו מיט מוטנע כוואַליעס?
האָט איר ניט קיין טרערן געזאַמלט

פאַרן רעגן, פאַרן האָגל ?
האָט איר ניט מיטן שטורעם מיטגענומען
די קרעכצן פון מײַן הײמלאַנד ?
העכער, העכער הײבט זיך, כמאַרעס :
אײַער רויש איז אַן אַ ברוך־הבא !
פלי ווינט, איבער וואַלד און לאַנקע,
טראָג זיך, ווינט, דעם פעלד אַריבער,
בלאָז אַוועק פון האַרץ די כמאַרעס,
בלאָז אַוועק די זאָרג, די צרות !

וואָס באַטײַט איך?

איך, פּיצעמאַנטשיק, וואָס באַטײַט איך ?
איך לעב אין זאָרג, איך טראָג אַ יאָך אַ שווערן,
אין בענקעניש נאָך גליק פאַרשווענד די צײַט איך
און, אײביק אומצופרידן, גיס איך טרערן.
איז וואָס זשע זוך איך און איך שטרעב פאַרויס ?
וווּהין ? און אויך צו וואָס איך טויג זיך אויס ?

פאַראַנען מענטשן, ווען ס׳גייט אין לעבן
אַן ענטפער אויף די קשיות זיך צו געבן.
ניט מיר... ניט פאַר מײַן קאָפּ.
דאָס איז פאַר זיי, וואָס גיבן זיך מיט ערנצט טראַכטן אָפּ.
איך בין ניט קיין חכם, ניט־דערוואַקסן, מינדער
און כ׳דאַרף קיין סך צו וויסן ניט ;
מײַן וועג דעם שאַרסטקן טאַפּ איך ווי אַ בלינדער,
פּאַמעלעך שטעל איך טריט ;
באַגעגן איך אַ לץ — איך לאָך פון זײַנע שטיק ;
אַ פּרעכטיקן פאַרשוין — בין איך פון אים אַנטציקט ;
אַ לײַדנדיקן — מיט אים בײַנאַנד איך לײַד :
און ס׳אַרט מיך ניט, וואָס איך באַטײַט.

מיכאַיל לערמאָנטאָוו (1841 — 1814)

איך גיי אַליין ביינאַכט

איך גיי אַליין ביינאַכט. דער שטיינוועג נאַקעט
גלאַנצט דורך דעם נעפּל־שלייער; שטיל אַרום;
דער מדבר האָרכט גאָטס קול פון דממה דקה;
אַ שטערן מיט אַ שטערן שמועסט שטום.

ס׳איז פייערלעך אין וואונדערפולן הימל
און רויִק שלאָפט די ערד אין בלויען בלאַנק.
פאַרוואָס איז מיר שווער? ס׳נעמט מיך ניט קיין דרימל.
איך וואַרט אויף עפּעס? טוט מיר עפּעס באַנג?

ניין, איך דערוואַרט שוין גאָרנישט־ניט פון לעבן,
און וואָס געווען, באַדויער איך ניט פיל;
איך בעט אַז גאָט זאָל פרייהייט, רו מיר געבן;
איך וויל פאַרגעסן זיך און שלאָפן שטיל...

נאָר ניט מיט יענעם קאַלטן שלאָף פון קבר
אויף אייביק פעסט צו איינשלאָפן איך גלוסט,
נאָר לעבן דרעמלען זאָל אין יעדן אֵבר,
פון אָטעמען זאָל הייבן זיך די ברוסט;

און טאָג און נאַכט עס זאָל מיין אויער פעסטען,
פון ליבע זינגען זאָל אַ זיסער קול
און איבער מיר אַ גרינער דעמב אַ פעסטער
זאָל נייגן זיך און רוישן אַלע מאָל.

אַ מלאך

חצות האָט אין הימל אַ מלאך אין פלי
גענזונגען אַ ליד פון ניט־הי.
לבנה און שטערן און וואָלקנס אַרום
זיין שירה געהערט האָבן פרום:
פון גליקזעלע גייסטער, נשמות אָן זינד,
וואָס האָבן גן־עדן פאַרדינט;
פון גאָט דעם אַלמעכטיקן, וועמען ער גרייסט
אָן חניפה און ניט ווייל ער הייסט.
אַ יונגע נשמה געטראָגן האָט ער
דער ערד — צו די טרערן אַ טרער,
און אין דער נשמה איז פון זיין געזאַנג
געבליבן אָן ווערטער דער קלאַנג.
זי האָט אַ גאַנץ לעבן געמאַטערט זיך שווער,
ווי קראַנק פון אַ מאָדנעם באַגער;
די הימלשע קלאַנגען פאַרביטן האָט ניט
דאָס לאַנגווײלע ערדישע ליד.

דער זעגל

אַ זעגל ווײַסלט זיך אַנטקעגן
טומאַנע־בלויען הימלראַנד...
וואָס זוכט ער אין אַ פרעמדער געגנט?
וואָס לאָזט ער איבער אין זיין קאַנט?
עס פײַפט דער ווינט, שפילט אויף די שטריק,
דער מאַסטבוים בייגט זיך מיט אַ קרעכץ...
אַ, ניט ער זוכט אין ערגעץ גליק
און ניט ער לויפט פון גוטס צי שלעכטס!
די כוואַליעס הימלען זיך לאַזורנע
און גאָלד דער זונשטראַל גיט זיי צו,
נאָר שטורעם בעט דער מורד כמורנע,
ווי ס׳וואָלט געווען אין שטורעם רו.

אַ תפילה

אין דער מינוט אומרויִקער,
ווען ס׳האַרץ פאַרצוויפלט שלאָגט,
אַ תפילה וווּנדער־טויִקע
אויף אויסווייניק איך זאָג.

איר וווילקלאַנג דער פולסיריקער
איז היילנדיקע מאַכט
און אין דער קדושה איריקער
הויכט אַ געהיימע פּראַכט.

עס פאַלט אַראָפּ אַ שטיין פון מיר,
פון צווייפל ווערט געטרוי —
און ס׳גלייבט זיך מיר, און ס׳וויינט זיך מיר,
און ס׳איז מיר גרינג אַזוי!

דער פעלדזנבאַרג

אין בוזעם פון אַ פעלדזנבאַרג — אַ ריז
גענעכטיקט האָט אַ כמאַרעלע אַ גאָלד־קאָלירטע;
קאַיאָר, זיך אויפגעוועקט מיט אַ קאַפּריז,
איז זי פאַרשייט אַוועק, אַ ווינט־געפירטע.

נאָר פריש די ראָסע פון דער כמאַרל האַלט
דער פעלדזנבאַרג אין האַרצן פון אַ שפּאַלט.
ער שטייט אַן איינזאַמער, אַ טיף־פאַרקלערטער,
און שטיל אין מדבר זיפצט ער, אַ פאַרטרערטער.

וואָלקנס

איר הימלשע וואָלקנס, איר אייביקע וואַנדערער!
דורך סטעפּעס לאַזורנע, געקייט איינס צור אַנדערן,
איר וואָגלט, ווי איך, וואָס פאַרשיקט כ׳בין געוואָרן
פון היימישן צפון אין גלות קיין דרום

נאָר ווער זשע טרייבט אייך דאָס: די דאָליע באַשערטע?
באַהאַלטענע קנאה צי אָפענע שׂנאה?
פון שווערן פאַרברעכן איר זענט דאָס באַשווערטע?
צי גאָר פון אַ בילבול פון פריינד ניט-פאַרגינער?

ניין, ס׳זיינען אייך נמאס די האַרבסטיקע פעלדער;
אייך זיינען פרעמד תאוות, יסורים, יללות.
איר, אַלע מאָל פרייע און קאַלטע אָן עלטער,
איר האָט ניט קיין היימלאַנד, איר ווייסט ניט פון גלות.

ניט בחינם

כ׳וויל לעבן! גיט מיר צער אַ קווערטל
להכעיס ליבע, גליק און זעט!
זיי האָבן מיין פאַרשטאַנד פאַרצערטלט,
מיין שטערן צופיל אויסגעגלעט.

שוין צייט די שווערד פון שטראַל זאָל יאָגן
די רויִקייט פון דעם טומאַן;
וואָס איז דען אַ פּאָעט אָן פּלאָגן?
וואָס איז אָן שטורעם אַן אָקעאַן?

אַ פרייז פאַר לעבן צאָלן וויל ער
מיט מי און זאָרג און שווער געמיט.
ער קויפט זיין הימליש ליד, זיין תפילה,
זיין רום בחינם נעמט ער ניט.

אַפאַנאַסי פעט (1892—1820)

פרילינג

כ׳קום דיך גריסן און צו מעלדן
אין פרימאָרגן אויפגעהעלטן,
אַז דאָס הייסע זונליכט ציטערט
אויף די בלעטער און די בליטער;

אַז דער וואַלד איז אַ דערוואַכטער —
יעדער צווייגל איז אַ פרישער,
יעדער פויגל איז אַ זיסער
זינגער, פרילינגדיק־פאַרשמאַכטער;

אַז ווי נעכטן קום איך ווידער,
ווידער מיטן זעלבן פייער,
דינען גרייט דעם גליק פון ברידער,
דינען דיר, אַ קנעכט אַ פרייער;

און אַז פרייד איז מיך מזכּה
און מיר גליקט פון אַלע זייטן,
כ׳ווייס ניט צי כ׳וועל זינגען טאַקע,
נאָר אַ ליד אין האַרצן צייטיקט.

ליבע

שושקעניש און זיפץ געשטיקטער,
טריל פון נאַכטיגאַל,
זילבער פון אַ וועל געוויגטער,
שלעפעריקער קוואַל.

נאַכטליכט, שאָטנס אָן אַן ענדע,
שאָטנס שוואַרץ, געדיכט,
שפּיל פון צויבערלעך געענדער
אויף אַ ליב געזיכט.

וואָלקנס רויכיקע, וואָס ווערן
רויטער פון רובין.
קושן וואַשן זיך מיט טרערן
און באַגין, באַגין!

דער פאַקל

אַ יעגער, יאָרנלאַנג אין וואַלד פאַרבראַכט,
האָב איך דורך אים מיט פעסטע טריט געטראָטן;
מיין אויג האָט צוגעוווינט זיך צו זיין שאָטן,
כ׳האָב אונטערשיידט די סטעזשקעס אויך ביינאַכט.

נאָר בליציק פון אַ כמאַרע האָט אַ שלאַנג
אַ ביס געטאָן אַ סאָסנע, און אין גאַנג
האָב איך אַליין אין גיפט פון אירע ווונדן
אַ סוק אַ פעכיק־פעטן אָנגעצונדן.

דער פאַקל האָט גרויסאַרטיק מיר געלייכט,
פאָרויס די שאָטנס זענען זיך צעשוווּמען,
נאָר האָבן זייטיק זיך פאַרביי געשלייכט
און הינטער מיר זיך קריק צונויפגענומען.

אַ בונטע פינצטערניש, די אויגן בלאָנדזשען אום,
עס קוקט אין זיי אַ בלוט־געשפענסט אַריין, —
און שרעקלעכער נאָך איז די נאַכט אַרום,
וואָס העלער פון מיין פאַקל ס׳איז די שיין.

די בכורה איז וועמעס?

די בכורה איז וועמעס: דער געטינס פון שיינקייט אַליין?
צי איז אויך איר אָפּבילד אין שפּיגל איר גלייכן?
אין מיר דער פּאָעט הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין,
וואָס דו ביסט געפּלעפּט פון זיין דמיון דעם רייכן.

ניט איך, ליבער פריינד, בין עס רייך, נאָר גאָטס וועלט,
גאָט צערטלט און כּפלט אין שטויבעלע לעבן.
און וואָס עס דריקט אויס בלויז איין בליק דיינער, פעלט
טאַלאַנט ביי דעם דיכטער עס איבערצוגעבן.

צו אַ יונגער שיינהייט

ווען דיין בליק כאַפּט איך אויף, מיט די אויגן אים טרינק איך;
ווען כ׳באַגעגן דיין שמייכל, קוועל איך אָן פון זיין חן,
אָבער, שיינהייט, ניט קיין שיר־השירים דיר זינג איך,
כ׳בין פאַרליבט אין דיין שיינקייט, אין איר נאָר אַליין.

וועגן זינגער בייגאַכט ווערט דערציילט אַ לעגענדע:
אַז פאַרליבט אין דער רויז אויף איר דופטיקער בייט,
לויבגעזאַנגען צו איר אָן אַ סוף, אָן אַן ענדע
איז צו טרילן און שפּילן דער נאַכטיגאַל גרייט.

נאָר די צנועה די יונגע אין פּרעכטיקער ריינקייט
איז ווי טויב און ווי שטום — רק זי דופטעט און בליט:
בלויז דאָס ליד באַדאַרף נויטווענדיק האָבן די שיינקייט,
נאָר די שיינקייט — זי דאַרף גאָרניט האָבן קיין ליד.

לערנען בייביימער

ביי זיי — ביים דעמב, ביי דער בערעזע לערן.
ס׳איז איצטער קאַלטער ווינטער — אַן עת־צרה!
אויף זיי פאַרגליווערטע אומזיסטע טרערן,
פון קלעמען זיך צעשפּאָלטן איז די קאָרע.

ס׳ווערט בייזער די מעטעליצע־מרשעת,
וואָס רייסט די לעצטע בלעטער פון די צווייגן;
און פאַרן האַרץ כאַפּט אָן די קעלט מיט כּעס;
די ביימער שווייגן שטיל; אויך דו זאָלסט שווייגן!

נאָר גלייב אין פרילינג. קומען וועט צו שוועבן
זיין גייסט און וואַרעם אָטעמען מיט לעבן.
דאָס האַרץ וועט איבערטראָגן אַלע צערן,
אויף שיינע טעג און ניי התגלות האָרן.

ניקאָליי נעקראַסאָוו (1878 — 1821)

אַ מאַמעס טרערן

ווען כ׳הער די שוידער־נייעס פון מלחמות,
ביים יעדן פרישן קרבן, מענטש וואָס פעלט,
ניט אויף זיין ווייב צי פריינד האָב איך רחמנות
און ניט אויף אים אַליין, דעם טויטן העלד.

ווי! ס׳וועט די ווייב זיך טרייסטן נאָך איר מאַן,
דער פריינד וועט נאָך זיין פריינד ניט אייביק בענקען,
נאָר ערגעץ־ווו איין נפש איז פאַראַן,
וואָס וועט אים תמיד, ביזן טויט געדענקען!

אין מיט פון אַלץ, וואָס איז מאַסקירט, פאַרשטעלט,
און אַלץ, וואָס איז באַנאַל אין לעבנס פראָזע,
בלויז איין מין טרערן זע איך אויף דער וועלט,
וואָס זענען הייליק, אויפריכטיק, אָן פּאָזע —

דאָס זענען טרערן פון אַ מאַמעס אויגן!
ווען אויפן שלאַכטפעלד פאַלט אַוועק איר קינד,
וואָס זי האָט אויסגעטראָגן, אויסגעזויגן,
פאַרהאַלטן קאָן זי ניט די טרערן, — ס׳רינט...
די ווייענדיקע ווערבע קאָן ניט צווינגען
די צווייגן אירע, זיי ניט לאָזן זינקען...

אַ פּויעריש קינד

אַנומלטן בין איך אַרויס פון אַ וועלדל
געגאַנגען; ס׳איז ווינטער געווען און אַ פראָסט.
איך זע — באַרגאַרויף קריכט פאַמעלעך אַ פערדל,
וואָס שלעפּט אַ געלאָדענעם וואָגן מיט כראָסט.
און גייענדיק וואַזשנע און רויִק פאַרויס אים,
דעם פערדל ביים צוים פירט אַ פּויערל קליין —
אין שאָפּענעם פּעלצל, אין שטיוול אין גרויסע

און הענטשעקעס גרויסע... — אַ פּיצל אַליין!
— גאָט העלף, חברהמאַן! — „שטיי ניט פּאַפּערעק, גיי זיך!"
— אָהאָ! ווי איך זע ביסטו ערנצט — אַ שרעק!
פון וואַנען דאָס האָלץ? — „פונעם וועלדל, פאַרשטייט זיך!"
„דער טאַטע — דו הערסט — האַקט און איך פיר אַוועק."
(די האַק פונעם וועלדל טאַקע דערהער איך).
— אי'ז גרויס אייער הויזגעזינד? זאָג מיר אויף גיך,
איך וויל ניט פאַרהאַלטן. — „יאָ, גרויס אָן אַן ערך,
נאָר מענער מיר צוויי בלויז: דער טאַטע און איך..."
— ווי רופט מען דיך? זאָג נאָך. — „מיין נאָמען איז וולאַס."
— ווי אַלט ביסטו, וולאַס? — „שוין זעקס יאָר זיך געעלטערט.
נו, פגירה!" צעשרייט זיך דער שנעק מיט אַ באַס,
אַ ריס פאַרן צוים און די פוסטריט פאַרשנעלט ער.

דאָס ניט־אָפּגעשניטענע פעלד

שפּעט שוין אין אָסיען, אַוועק שוין די גראַקן.
פעלדער שוין פוסטעווען, וועלדער שוין נאַקעט.
נייערט איין פעלד איז געשניטן נאָך ניט,
הויכט פון דעם עצבות, באַטריבט דיין געמיט.
דאַכט זיך, עס שעפּטשען די זאַנגען, וואָס שאָרכען:
„נודנע די האָרבסטיקע ווינטן צו האָרכן,
נודנע זיך בייגן, פון קערנער באַשווערט,
און זיי צו באָדן אין שטויב פון דער ערד.
איטלעכע נאַכט פאַלט אונדז איבער אַ סטייע
פון הלעיטניקע פייגל פאַרבייע,
ס'טאָפּטשעט דער האָז און דער ווינט אונדז צעוויט...
וווּ איז דער פויער, וואָס האָט אונדז פאַרזייט?
אפשר געראָטן מיר זיינען נאָך ווייניק?
אפשר געבליט ניט בציבורדיק־אייניק?
ניין! ניט פון אַנדערע ערגער... און לאַנג
צייטיק איז שוין אונדזער קערן אין זאַנג.
ניט צוליב דעם האָט דער פויער געזייט אונדז —
הפקר צו זיין פאַרן ווינט, וואָס צעוויט אונדז..."
טראָגט זיי אַן ענטפער דער ווינט, דער שטאָפּעט:
— ס'ליגט אייער פויער אַ קראַנקער אין בעט.

קאַליסטראַט
(פּריי)

האָט אַזוי געבענטשט מיין טאַטעלע
און געליולעט האָט מיין מאַמעלע:
„וועסט זיין גליקלעך, קאַליסטראַטעלע,
סט׳לעבן זינגענדיק אַ גראַמעלע.״

האָט באַוויליקט גאָט די בענטשונג מיר
פון דער מאַמעלען און טאַטעלען:
ס׳איז ניטאָ קיין רייכער מענטש פון מיר,
שענער אָנגעטאָן פון קאַליסטראַטעלען.

ווו איך באָד זיך איז אַ רעטעניש,
מיט די פינגער כ׳קעם די הערעלעך;
איך דערוואַרט אַ גרויס גערעטעניש —
דערנער, קראָפּיווע און בערעלעך.

און מיין ווייבל איז אַ וועשערין
פאַר די קינדערלעך די הוילינקע...
און אַ פוצערקע פון מאַן אַ גרעסערע
אין די פּאָסטאָלעס אָנזויליקע.

א. נ. מאַיקאָוו (1897 — 1821)

זאָגט אַ מיידל צו אַ בחור:

איך וואָלט דיר אַ קוש געגעבן,
נאָר כ׳האָב מורא: ס׳וועלן זען דאָס
די לבנה מיט די שטערן.
וועט אַ שטערנדל פון הימל
תיכף זיך אַרונטערקייקלען
און דעם בלויען ים דערציילן,
און דער ים וועט איבערגעבן
צו דעם שיפל מיט די וועסלעס,
זיי — צום פישער, וואָס הייסט יאַנקאָ,
ער — צו מאַראַן זיין קאָכאַנקע.
אַז ס׳וועט מאַראַ זיך דערוויסן,
וועט די גאַנצע געגנט וויסן,
ווי ביים שיין פון דער לבנה
אין מיין דופטיק פרילינג־סעדל
האָב איך דיך אַריינגעלאָזן,
ווי געצערטלט און געקושט דיך,
ווי דער עפּלבוים מיט בליִעכץ
האָט באַשאָטן אונדז, באַזילבערט.

אי. ס. ניקיטין (1824—1861)

דער קבר

וואַרט שוין אַ קבר, אַ טיפער, אַן אָפּענער...
לעבן ניט־פריילעכער, אַ שיבוש באַטראָפענער:
עלנטער, היימלאָזער, שווערער, געדולדיקער, —
לעבן געשוויגענער, גלייך ווי אַ שולדיקער,
ביסט מיר געגאַנגען אָן האָפנונג, אָן טרייסט
און ווי אַ פייערל אין סטעפּ דו פאַרגייסט...

מילא!.. שלאָף איין, מיין שיקזאַל האַרטגעבעטענער!
צומאַכן פעסט וועט דער צודעק דער ברעטענער,
ערד וועט אים צופרעסן ענגער און אייניקער, —
בלויז מיט איין מענטשן וועט ווערן דאָ ווייניקער...
קיינעם וועט קרענקען פון אים דער פאַרלוסט,
קיינער וועט טראָגן זיין זכר אין ברוסט!..

הערט זיך אַ ליד אָט, אַ זאָרגלאָז־געצויגענע —
דער גאַסט פון בית־עלמין, דער פויגל פאַרפלויגענער
באָדט זיך אין בלוילופט, די פרייהייט באַזינגענדיק,
שיט זיך, ווי זילבער זיין שירה, הויך־קלינגענדיק...
שטילער!.. אויס — לעבן, געפיל און געמיט:
מ׳דאַרף שוין קיין לידער, קיין טרערן אויך ניט!

מזיק דער סוחר
(געקירצט)

פאָרט פון יאַריד מיט געקנאַל און געקלונג
מזיק דער סוחר, דער לעביונג מיט שווונג.
שטעלט ער זיך אָפּ אָנצוקאָרמען די פערד
און אינעם דאָרף אַ הוליאַנקע פאַרקלערט.
אין אַ רויט העמד, ראָז אַליין און געקרויזט,
גייט ער אין גאַס בגילופין אַרויס.
קלייבט ער צונויף שיינע מיידלעך אַ קרייז,
קלינגט מיטן טייסטער: „כ׳קאָן צאָלן דעם פרייז...“

אַלטע און יונגע טראַקטירט ער מיט ווײַן:
„טרינק און פאַרטרינק! וועט מען לעבן, וועט זײַן...״
און בײַ די הענט אַ יונג מיידל ער האַלט,
נעמט זי אַרום, גיט אַ קוש זי מיט גוואַלד.
בלייכט זי ווי קרייד און ווערט רויט ווי אַ רויז,
רײַסט זי זיך פון זײַנע אָרעמס אַרויס.
גיט זיך דער סוחר אַ קלינג מיטן געלט:
„ווילסט ניט, איז ניט, ביסט איין מויד אויף דער וועלט?..״

נאַכט אין דאָרף

לופט פאַרשטיקטע, רויך פון קינלעך,
דיל מיט מיסט און קויט,
ווענט פאַרסאַזשעט, אין די ווינקלעך
פּאַוועטינע גרויט.
שפּינערין מיט קראַנקע פליאַמעס,
וואַסער, פּיסנע ברויט,
קינדס געוויין און הוסט דער מאַמעס...
אַ, דו נויט! דו נויט!
דאָ־אָ ליידט מען אָן צו צערנען
אויף דער שטראָף אָן שולד...
אָט ווו גוט איז זיך צו לערנען
גלויבן און געדולד!

אויפן ים

אין מערב דער זונפאַרגאַנג פלאַקערט;
אַ רויטער, דער ים ברענט אָן היץ;
אַ שיף, ווי אַ פויגל אין הימל,
אויף וואַסערן קאַלטע זיך גליטשט —

די זעגלען, ווי פליגל אין פלאַטער.
ס׳בלענדט הינטער דער קאָרמע דער שוים.
דער ים איז אומענדלעך און גיסט זיך
צונויף מיטן הימלשן רוים.

און ס׳זינגט זיך ביים רודער דער שיפער
געמיטלעך אַ לידל פון פרייד,
אין דרום־זייט אָבער אַ כמאַרע,
ווי רויך פון אַ שׂרפה, זיך שפּרייט.

אַ שטורעם... דער ים הייבט אָן וואָיען,
דער שיפער צו זינגען הערט אויף;
עס צינדן זיך אָן זיינע אויגן
מיט פייער פון קאַמף — זיין באַרוף.

אַט־דאָ ערשט דעם מענטשן דערקען איך,
דעם האַר איבער כוואַליעס איך בענטש,
און ס׳איז מיר אַ נחת צו טראַכטן,
אַז איך בין געבוירן אַ מענטש.

אַ פראַגמענט
(פון „דער שניידער")

זיינען אויסגעפאַלן אויף מיין דאָליע
לידער אומעטיקע, טרויעריקע, ווי ילדה,
צוגעגעסענע, ווי אַלע מאָל די זעלבע קללה;
כ׳וואָלט זיי גערן ניט געזונגען,
נאָר די ברוסט ווערט מיר צעשפּרונגען.
רק איך הער די הונגער־קלאָג
פון דער אָרעמקייט דער בלאָטיקער,
דער פאַרגעסענער, אויף־גאָטס־באַראָטיקער, —
שפעט ביינאַכט צי פרי פאַרטאָג
קיין מאָל פעלט קיין וויינער ניט,
און צו הילף קומט קיינער ניט —
ניט קיין אָפּרוף פון אַ האַרץ אַ וואַרעמען,
ניט קיין קול פון אַ דערבאַרעמער.
אַט־די לידער ביטערע, ווי פון פאַלין באַשטייען —
שווערער אמת איז ניט צו דערפרייען.
ווער דערקענען עמעצער זיין צער אין זיי —
אין די לידער מיינע פון זיין וויגעשריי?

שמעון פרוג (1916—1860)

צו פּראָמעטייען

„און גאָט האָט מיר געגעבן צוויי שטיינערנע לוחות...
און אויף זיי... די ווערטער וואָס גאָט האָט מיט אייך
גערעדט אויפן באַרג פון מיטן פייער...

איך פאַרנעם, פּראָמעטיי, דיינע פייגלעכע קרעכצן
און מיט צער אין מיין האַרץ, ניט מיט רו,
קוק איך אויף דעם מאַסיוו פונעם פעלדז דעם פּאַטאַלן
און די קייטן וואָס שמידן דיך צו...
אָ, געוועזן איז צעוס אַ גאָט פון אכזריות,
אָן רחמנות געוועלטיקט האָט ער.
נאָר אַ רגע שוויג שטיל, קרבן פון זיין נקמה,
און אויף מיר, פּראָמעטיי, קוק און הער:
ניט געגנבעט ביי גאָט האָב איך ס׳הייליקע פייער,
אויך באַקומען אומזיסט האָב איך ניט —
אי מיט טרערן געצאָלט, אי מיט בלוט כ׳האָב געסילוקט
פאַרן דאָזיקן פייער, וואָס כ׳היט.
און מיט טרערן און בלוט איך באַצאָל נאָך עד־היום,
ווי אַ חוב אויף אַ צייט אָן אַ לענג,
און עס פּיקט אין מיין ברוסט ניט קיין איינציקער שפּאַרבער,
נייערט הונדערטער שפּאַרבערס און שלענג,
איינגעזויגן אין מיין אומבאַשיצטן האַרצן,
מיינע בלוט־ווונדן רייסן אָן סוף...
אָ, וואָס מיינט, אין פאַרגלייך מיט דער מאַטערניש מיינער,
דיינע אַלע יסורים און שטראָף ?!..

אַ פאַרוואָרפן ווינקל

אַ טרוקן בערעזקע, אַ פאַרקאַנס רויִנעץ,
אָן איינזאַם טריב קווייטל ווי־ערגעץ פאַרשטעקט...
ס׳וועט דאָ קיין צעשטרייונג דאָס אויג ניט געפינען, —
ס׳אַ נ י ט הימלעך ווינקל אין סטעפּישן העק.
אויף יעדנס געמיט שטימט ער אָן אַ נודאָטע, —
אָן קלאַנגען, אָן פאַרבן, אָן פרישקייט פון שאָטן...

פאַרביי גייען אַלע דאָס אָרט וואָס איז פּוסט...
ווען אָבער זיי וואָלטן געוווסט !..
ווען, טייבעלע מיינע, זיי וואָלטן געזען
וואָס דאָ האָט פּאַסירט אין פאַרוואָרפענעם ווינקל ;
ווי דעמאָלט פאַרנאַכט האָט די ראָסע געפינקלט,
ווי ס׳האָבן אין שיין פון די שטראַלן אין ברען
די הימלען געאָטעמט מיט צערטלעכער לוסט,
ווי ס׳האָבן געפלאַמט דיינע בעקלעך אין פיבער
און ס׳האָבן די ליפּלעך געשעפּטשעט : „מיין ליבער״
אין שאָטן פון דער־אָ בערעזקע דער טריבער...
אַך, מענטשן, ווען איר וואָלט געוווסט !..

אַ טרייסט

נאַכט אָן שלאָף. די צייט פון טראַכטן
רינט פאַמעלעך. ס׳האַרץ שלאָגט שנעל.
קייטן פונעם לעבן דריקן
אויף מיין פיבערדיקער זעל.
קוקסט אַרויף — די שטערן פינקלען,
אין מרחקים רופן שטום.
דאָרטן ווייַט איז ליכט און שׂמחה ;
חושך, צרות — דאָ אַרום.
גיט מיר פרייהייט ! גיט מיר פליגלען !..
נאַר אומזיסט ! ביסט אין אַ קלעם !
בלייבט אַ טרייסט דיר פאַרן האַרצן
בלויז אַן איינציקע — אין דעם :
אַז אַ יוגנטלעכער טרוימער
פון אַ שטערנדל מיט ליכט
מעגלעך קוקט אין טיפן עטער
אין דער זעלבער צייט, וואָס איך,
און דאָס בידנע וועלטל אונדזערס,
אָט־די ערד מיט שמוץ און רויך,
ווי אַ לויכטנדיקן שטערן
פון דער וויטן זעט ער אויך...

סעמיאָן נאַדסאָן (1862 — 1887)

צום פאַרפאָלגטן פאָלק

איך בין געוואַקסן פרעמד צו דיר, פאַרשטויסן פאָלק,
און ניט צו דיר געזונגען אין מינוט פון שירה.
דיין לעגענדאַרע וועלט, דיין טרויער פון פאַרפאָלג
איז פרעמד מיר, ווי דיין תּורה מיט די לערעס אירע.

און וואָלסטו שטאַרק און גליקלעך ווי אַמאָל געווען,
און וואָלט די גאַנצע וועלט דיך ניט דערנידערן, —
פאַרכאַפּט, געוואָרעמט פון אַן אַנדער סנה אין ברען,
כ׳וואָלט ניט געקומען גאָר צו דיר זיך ברידערן.

נאָר אין די אונדזעריקע טעג, ווען אונטער גרויל
דו בייגסט דעם קאָפּ און זוכסט אומזיסט זיך ווו צו רעטן;
איצט אין די טעג, ווען ס׳קלינגט אין ווילדן פּעבלס מויל
דער נאָמען „ייִד", ווי אַ סימבאָל פון אַלדאָס שפּעטנע;

ווען דיינע פיינט — אַ טיטשקע הינט מיט זשעדנע ציין —
דיך בייסן, רייסן, ווי אַ העזל צי אַ פיקסל, —
אויך מיך לאָז אין דער ריי פון דיינע קעמפער שטיין,
דו פאָלק, געקריוודעטער פון שיקזאַל!

פריינד און ברודער

פריינד און ברודער, פון לײדן פאַרמאַטערטער פריינד,
זאָל דאָס האַרץ דיר ניט ווערן באַשווערט:
מעגן אומרעכט און שלעכטס הערשן פולמעכטיק היינט
אויף דער טרערן־געוואַשענער ערד,
מעג פאַרשפּאַט און צעשמעטערט זיין דער אידעאַל
און מעג אומשולדיק בלוט פליסן פריי, —
גלייב, ס׳וועט שלאָגן די שעה פון די אָפּגעטערס פאַל
און די ליבע וועט קומען אויפסניי!

ניט אין קייטן געשמידט, ניט אין דאָרניקן קראַנץ,
איינגעהויקערט פון צלם, געדריקט, —

זי וועט קומען מיט רום אין איר מאַכט, אין איר גלאַנץ,
אין די הענט מיטן פאַקל פון גליק.
און ס׳ניט זיין אויף דער וועלט ניט קיין האַס, ניט קיין קרעכץ,
ניט קיין קברים ביים פּלויט, ניט קיין קנעכט,
ניט קיין פינצטערע, טויטלעכע נויט, ניט קיין שלעכטס,
ניט קיין שאַנדקלאַץ, קיין מעסער, וואָס שעכט!

אָ, מיין פריינד! ניט קיין טרוים איז די ליבע, וואָס קומט,
ניט קיין גרונטלאָזע האָפנונג איז דאָס:
קוק זיך אום, — ס׳איז צו פינצטער די נאַכט רונדאַרום
און דאָס שלעכטס איז שוין איבער דער מאָס!
ס׳וועט די וועלט ווערן מיד פון משוגענעם קריג,
זיך פאַרכלינען אין בלוט פון איר באָד
און וועט הייבן אין תּפילה איר צערפולן בליק
צו דער ליבעס של־אמת־גענאָד!

מיט אַ בוך פון אַ דיכטער

אויב סע שטיקט דיך די לופט, וואָס מיט שטויב איז געדיכט
פונעם קאַמף פאַר פּראָזאַישן לעבן
און דו האָסט ניט קיין פריינד, וואָס זאָל אָפּרופן זיך
אויף דיין צווייפל צי באַגייסטערטן שטרעבן;
אויב פאַרשוועכט איז דאָס ליכט פון דעם מענטש־אידעאַל —
ניט ער לויכט, נאָר ס׳פאַרברענט דער פאַרניכטער;
אויב ביסט ערלעך פאַרצווייפלט און מיד, — אָ, ניט פאַל,
רו זיך אָפּ מיט אַ בוך פון אַ דיכטער!

דורכן ווילקלאַנג פון זיינע באַגייסטערטע רייד,
מיט זיין וואָרט צו יסורים דעם וואַכן
וועט דערציילן דיר ער פון דיין טרויער און לייד,
ווי אַ ברודער דערציילט — ניט צום לאַכן.
דיין פאַרלאָשענעם גלויבן וועט ער צינדן צוריק
און צעטרייבן די ספקות און שרעקן
און אַ ברודערשע האַנט אין געפערלעכן קריג,
אָן דערוואַרטונג אויף שׂכר, וועט ער שטרעקן...

נאָר אויך די רוף זיך אָפּ מיט געפּילפּולער זעל
צו אַ יעדן, וואָס זוכט דיין רחמנות:
צי ער בלוטיקט אין שלאַכט, צי ער בעטלט ביים שוועל,
צי ער פאַסט אַ געצוווּנגענעם תּענית.
לערן זיך אויס, ווי אַ מצווה אָן שׂכר,
קרוין דאָס יונגע באַגייסטערטע שטרעבן
און ס׳וועט וואָרעם דיר זיין זיך צו מיִען דערפאַר
אינעם קאַמף מיט פּראָזאַיִשן לעבן.

ניט אינגאַנצן דיינער

כ׳בין ניט אינגאַנצן דיינער — ס׳רופן מיך
אָן אַנדער לעבן, אַנדערע באַגערן.
עס וועלן מיך ניט אָפּרייסן פון זיי
קיין הייסע קושן און קיין טרערן.
איך האָב דיך ליב, נאָר איך געדענק אַז ניט
הנאה איז דער ציל פון לעבן;
ביי זיך אין האַרצן האָב איך ניט פאַרטויבט
צום אמת שטראַליקן דאָס שטרעבן;
כ׳האָב ניט געטריבן מיט אַ מידער האַנט
אין האַרבעריק אַריין מיין שיפל,
נאָר מוטיק איבער כוואַליעס שטרעב איך אַלץ
צו קעמפן מיט דער נאַכט דער טיפער!

דער ים ווי אַ שפּיגל

דער ים — ווי אַ שפּיגל!.. די וויטן די רוימיקע
אַ זילבערנער שימער פאַרפלייצט.
די נאַכט — אַראָמאַטנע, אַ טרוימיקע,
זי צינדט און זי צערטלט, זי רופט און זי רייצט.
עס רייסט זיך דאָס האַרץ איבער וואַסערן ברעגלאָזע
זיך ערגעץ אין לענדער פון וווּנדער אַוועקלאָזן —
צו שיינקייט, צו ליכט און צו ליבע!
אָ, איז אָט־דער דראַנג
ניט מער ווי פון שיכּורן חלום אַ פיבער?
און גלייך ווי דער חלום, וואָס דויערט ניט לאַנג,
די שטרעבונג גייט איבער?

אָ, ענטפער מיר, ים!.. און ער זאָגט:
„צי הערסטו ווי שטיל, ווי פּאַרטייעט עס שלאָגט
די וועל אין דעם פעלדזיקן ברעג?
צי זעסטו ווי וואָלקנדלעך, דערווייל ווייט־אַוועק,
אויף הימל און ים, נאָך מיט שטערן פּאַרזייטע,
זיך שאָטנדיק שפּרייטן?״

ניט זאָגט ער איז טויט

ניט זאָגט מיר: „ער איז טויט.״ ער לעבט אויך נאָכן שטאַרבן!
מעג דער מזבח זיין צעשטערט — דער פלאַם נאָך שׂרפעט,
די רויז, אַן אויסגעריסענע, נאָך בליט מיט פאַרבן,
ס׳קלינגט דער אַקאָרד נאָך, כאָטש צעבראָכן איז די האַרפע.

פעדאָר סאָלאָגוב (1927—1863)

דעם טייוולס הוידעלקע

אין אַ קודלאַטער יאָלקעס שאָטן,
ביים טייך, וואָס טומלט אין געלאַף,
צעוויגט אַ הוידעלקע דער שׂטן
מיט הענט באַהאָרטע פון אַן אַף.

ער וויגט, כאַכאַטשעט, אַזש ער כריפּעט —
פאָרויס, צוריק,
פאָרויס, צוריק.
עס בייגט זיך אַיין די ברעט און סקריפּעט
און ס׳רייבט זיך אין אַ סוק די שטריק.

פאַרחלשט, האַלט איך זיך און וויג זיך
פאָרויס, צוריק,
פאָרויס, צוריק.
פאַרמאַטערט, כאַפּ איך פאַר די שטריק זיך
און פון דעם שד קער אַפּ מיין בליק.

איבער דעם בוים פון שוואַרצן שׂטן
דער בלויער כיכעט אַ געכיך:
— זיך הוידען ווער האָט דיר געבאָטן?
און איצט זאָל כאַפּן דיך דער רוח! —

אין דער קודלאַטער יאָלקעס שאָטן
איז אַ געקוויטש און אַ געכיך:
— זיך הוידען ווער האָט דיר געבאָטן?
און איצט זאָל כאַפּן דיך דער רוח! —

איך ווייס, דער שד וועט פריי ניט לאָזן
מיין כף־הקלע־ברעט אַזוי גיך,
ביז וואַנען, ווי אַ קאָסע גראָזן,
דער טויט וועט ניט פאַרשניידן מיך.

ביז וואַנען ס׳וועט זיך ניט צערייבן
אין שאַרפן סוק דער פלאַקס פון שטריק,
ביז וואַנען כ׳וועל אויף דר׳ערד ניט בלייבן
אַ טויטער ליגן מיט מיין וויג.

כ׳וועל העכער פון דער יאָלקע שווינגען
און מיטן קאָפּ אין דר׳ערד אַ קראַך!
— וויג שטאַרקער, שד! דאָס האַרץ זאָל זינקען...
כ׳וויל העכער, נאָך מער העכער... אַך!

מיט אַ הונטס מויל

הויך איז גאָטס לבנה. מיר איז שפּל, שווער.
כ׳בין פאַרמאַטערט פון דער שטילקייט אָטאָ־דער.

ס׳גיט קיין הונט קיין ביל ניט, אַלע זענען שטום.
סקוטשנע, גרויליק, אָפּגעשטאָרבן אַלץ אַרום.

אויף די העלע גאַסן אַזוי פּוסט און וויסט.
מ׳הערט קיין טריט ניט, קיין געשאָרך, גאָרניט־נישט.

איך דערוואָרט קיין גוטס ניט. אַז די ערד איך שמעק,
שפּיר איך עמעצנס אַ ווייטן שפּור אין וועג.

קיינעם וועקן ניט דעם גייערס גיכע טריט.
קומט אַ פריינד דאָס צי אַ שונא — גאָט באַהיט?

אונטער דער לבנה בין איך וואַך אַליין.
כ׳האַלט ניט אויס, איך וועל אין וואָיען זיך פאַרגיין.

הויך איז גאָטס לבנה און ס׳איז קאַלט איר שיין.
ס׳מאַטערט היינט מיך אַזאַ עצבות, אַזאַ פּיין.

וועקט זיך אויף פון שלאָף! צעשטערט די רו, וואָס גרוילט!
ברידער מיינע, בילט אויף דער לבנה! הוילט!

געפאַנגענע חיות

מיר די חיות מאַכן קולות —
יעדע וועדליק איר יכולת.
טירן זענען טויב־פאַרהאַקטע,
עפענען — דאַרף מען זיין געוואַגטע.
אויב דאָס האַרץ איז געטריי דער מסורה,
בילן מיר, וואיען, בלויז לשם בילן.
אַז אין זאַאָ איז אַן עיפּוש — אַ מורא!
פאַרגעסן מיר, דערווידערדיק ניט פילן.
צו איבערחזרונג שוין צוגעוויינט זיך,
מיר קוקען לאַנגווייליק, מאָנאָטאָניק.
אַלץ אין זאַאָ איז פנימלאָז, געוויינטלעך.
מיר בענקען ניט נאָך פרייהייט לאַנגאָניק.
מיר די חיות מאַכן קולות —
יעדע וועדליק איר יכולת.
טירן זענען טויב־פאַרהאַקטע,
עפענען — דאַרף מען זיין געוואַגטע.

אַ פאַרכמורעט געוויקס

אויף אַ קופּע מיסט אַ גרויער,
ווי באַדעקט מיט אַש פון טרויער,
אין אַ העק, ביי אַ פאַרשטויבטן פּלויט
בליט סוף מאַי אין איין־אַליינקייט
ניט מיט רייצנדיקער שיינקייט
אַ פאַרכמורעט ווילד געוויקס פון טויט.

אויף מיין וואַנדער ניט־געדאַרפטן,
אין יסורים מיינע שאַרפע,
אויף אַ באָדן, וועלכער איז ניט פעט,
אָן די איינדרוקן די העלע,
מיין טאַלאַנט האָט מיט אַ פעלער —
אָן שום פרייד — צעבליט זיך שווער און שפּעט.

העכער פון די וואָלקנס

אַוועק פון אָרעמען און טוכלען טאָל,
ווו קינדער פלאַפּלען, ווייבער וויינען אויפן קול,
כ׳פלעג העכער פון די וואָלקנס פליִען אינעם רוים,
אַרומגענומען פון דערפרייענדיקן טרוים,
און אין דער הייך, פאַרריסן אין מיין פליִען,
די ערד כ׳פלעג איבערשטאָלטן און באַצירן
און פאַר די אויגן מיינע פלעגט זי גליִען
מיט גינגאָלד אויפן שוואַרצן מלבוש אירן.
דערנאָך, דורך דעם באַריר פון גראָבן זיין
פון די חלומות אויפגעוואַכט,
האָב איך מיין פאָטערלאַנד פון פּיין
אַ ניט־באַשיידטן סוד געבראַכט.

אין וועג ביינאַכט

פינצטער, מען זעט ניט דעם וועג.
עמעצער רופט: — העלף אין אַ העק!
פרעג צי איך קאָן?
כ׳בין אַליין אָרעם און קליין,
באָרוועס, טויט־מיד פונעם גיין,
וואָס קאָן איך טאָן?

רופט ער אין שטילקייט אָן רו:
— ברודער, קום נענטער צו!
קום האַנט אין האַנט!
טאָמער מען קאָן שוין ניט גיין,
שטאַרבט מען אין וועג ניט אַליין,
שטאַרבט מען ביינאַנד!

אַ פאָלקסליד
(אין פיר שטימען)

וואָס זענט איר, זקנים, איינגעבראָכן —
מיט כוחות אויסגעלאָזענע,
מיט קעפּ אַראָפּגעלאָזענע?
— פון קאַטאָרזשנער מלאכה!

וואָס זענט איר, זקנות, אָפּגעצערטע —
מיט כּוחות אויסגעלאָזענע,
מיט קעפּ אַראָפּגעלאָזענע?
— מיר זיינען ניט דערנערטע!

וואָס זענט איר שטיל געוואָרן, יאַטן, —
ניט שפּילדיק, ניט שטיפנדיק,
נאָר הייסע טרערן טריפנדיק?
— מען האָט פאַרשיקט דעם טאַטן!

וואָס זענט איר קינדער ווי פאַריתומט —
ניט שפּילדיק, ניט שטיפנדיק,
נאָר הייסע טרערן טריפנדיק?
— די מאַמע איז דערשאָסן!

קאָנסטאַנטין באַלמאָנט (1867—1942)

אַ זוניק געזאַנג

איך בין געקומען אויף דער וועלט צו זען די זון אין הימל
און רונדאַרום גאָטס בלויען ווערק.
איך בין געקומען אויף דער וועלט צו זען די זון אין הימל
און אויך די הימל־הויכע בערג.

איך בין געקומען אויף דער וועלט צו זען די בלויע ימען
און אויך די טאָלן רייך אין פאַרב.
איך נעם אַריין פיל וועלטן אין איין בליק צוזאַמען,
איך בין אַ הערשער, כאָטש איך שטאַרב.

איך האָב באַזיגט די קאַלטע שיכחה די פאַראייזטע
מיט הייסן שעפערישן טרוים.
איך האָב התגלות יעדע רגע און באַגייסטערט
כ׳זינג תהילימדיק יום־יום.

ווען ניט יסורים, וואָלט מיין טרוים ניט אויפגעוועקט זיך,
דערפאַר איז גרויס מיין לוין.
ווער איז צו מיר אין זינגען גלייך? — ניט פרעגט מיך,
ניטאָ אַזאַ פאַרשוין.

איך בין געקומען אויף דער וועלט צו זען די זון אין הימל,
און טאָמער צאַנקט מיין לעבנס קנויט,
כ׳וועל זינגען אַלץ... כ׳וועל זינגען פון דער זון אין הימל
אַפילו פאַרן טויט!

טשערעטן

אין זומפּ, האַלבע נאַכט. שטיל, קוים מען האָרכט
זיך שושקען טשערעטן מיט אַ רוישלאָז געשאָרך.

וואָס שושקען זיי זיך? וואָס פאַרטרויען זיי דאָס?
און צווישן זיי פייערלעך ברענען פאַרוואָס?

זיי שווינדלען, זיי ווינקען — אָט דאָ און — ניטאָ.
און ווידער נעמט פינקלען — אָט דאָרטן, אָט דאָ.

אין מיטן דער נאַכט אַ טשערעטן־געשושק.
דאָרט נעסט זיך די זשאַבע, די שלאַנג, דער מאָליוסק.

עס ציטערט אין זומפּ פאַרן טויט אַ געזיכט.
ס׳זינקט טריב די לבנה מיט אַ פיבערדיק ליכט.

נעמט שמעקן מיט שליים און מיט דומפּיקע נעץ.
דער זינקזומפּ פאַרנאַרט, זייגט איַין און פאַרקוועטשט.

„ווּעמען? צו וואָס?״ שושקען די שטענגלעך פון גראָז:
„און צווישן אונדז פייערלעך ברענען פאַרוואָס?״

נאָר ס׳שוויגט די לבנה מיט איר טרויעריק ליכט.
זי ווייסט ניט, און נידעריקער זינקט איר געזיכט.

און ס׳ווידערן דעם געזונקענעמס טויט־זיפץ און פאַרכט
די שטילע טשערעטן מיט שוידער־געשאָרך.

דער וועג פון אמת

פינף חושים איז דער וועג פון ליגן. נאָר ס׳איז דאָ התפּעלות
עקסטאַטישע, ווען אמת ווייזט זיך דיר פון זיך אַליין,
און דעמאָלט פאַר דיין אויג, וואָס דרעמלט, ברענט געהיים
די טיפע נאַכט מיט פאָרווורפן פאַר דיינע שאלות:

אַ חושך אָן אַ דנאָ? אַ חלום אָן באַשייד? וואָס ווייסטו?
נאָר ס׳איז פון שוואַרצער קויל געבוירן דער בריליאַנט.
דעם אמת קריגסטו איבערחושימדיק אין האַנט,
ווען אינעם שטראַל פון הייליקער התלהבות שטייסטו.

ביי איטלעכן אין זעל איז דאָ אַ ניט־אַנטדעקטע
מיט צויבער פולע וועלט, ווי פלאַם ניט אויפגעוועקטער
איז דאָ אין יעדן בוים — ער מעג אַ גרינער זיין.

וועק אויף דיין וועלט מיט כּוחות, וואָס פֿאַרבאָרגן יוירן,
און מיט אַן אויפֿציטער פֿון ווערן ניי־געבוירן
דיך וועט פֿאַרבלענדן ס׳אומדערוואַרטע מיט זיין שיַין.

דער געבורט פֿון ליבע

דאָס רויטבריסטל אַמאָל געלערנט האָט צו ליבן.
ער איז אינגאַנצן גרוי געוועזן אין גן־עדן.
געזעסן איז ער אויף אַ באַרגפֿעלדז, קליין, באַשיידן,
און אונטן האָט די וועלט געלאַכט און שפּאַס געטריבן.

און טראַכטן האָט דאָס קליינע פֿייגעלע גענומען:
„וואָס איז אויף זיי די שׂמחה? וואָס האָב איך געזונגען?
מען דאַרף ניט ליבן אַלץ. בלויז מיינס״, — האָט ער געדרונגען.
אין דעם מאָמענט האָט פֿאַרב זיין בריסטעלע באַקומען.

און ס׳איז דאָס רויטבריסטל געפֿלויגן צו די קוסטן.
צום ערשטן מאָל געוואָרן זענען רויטע דעמאָלט
די רויזן און די מאַנבלומען, ווי זיך צעפֿלעמלט.

און בלוט צום האַרצן האָט געפֿלייצט מיט ליבע־גלוסטן.
און ס׳האָט אַ בליץ פֿון הימל — זיין אוזאָר, זיין סכעמע —
באַפֿוילן: שטורעמען און רעגענען זאָל נעמען!

צו די קלוגע לייט

איך ווייס ניט פֿון קיין קלוגשאַפֿט, וואָס אייך פֿאַר יענעם פּאַסט.
פֿון בלויז פֿאַרביילעכקייטן איז מיין ליד פֿאַרפּאַסט.
אין איטלעכער פֿאַרביילעכקייט זע איך וועלטן פֿיל,
פֿול מיט זיך בייטנדיקער רעגן־בויגנדיקער שפּיל.

ניט שילט מיך, קלוגע לייט, ניט האָט מיט מיר צו טון!
כ׳בין בלויז אַ וואָלקנדל, פֿול מיט פֿייער פֿון דער זון.
כ׳בין בלויז אַ וואָלקנדל — אַ זעגעלע אין טייך,
איך שווים און רוף די חלומער... איך רוף ניט אייך!

די דינסטע קאָלירן

די דינסטע קאָלירן
ניט אין ווײלקלאַנג זײנען.
אין קוים־קוים באַמערקטן
געציטער פון סטרונעס
דערזעט מען די שײַנען
פון װײַטע פלאַנעטן
מיט נאָך אומבאַקאַנטע
אַרום זײ לבנות.

און װען אין מינוטן
פון טיפע געפילן
מיר קוקן אָן לשון
און ליבן אָן װערטער,
פאַרנעמען מיר, זעען,
װי ס׳לויכטן אונדז זונען,
װי ס׳אָטעמען װעלטן
אין הימלשע ערטער.

זינאַידאַ גיפּיוס (1869—1945)

ביזן דנאָ

איך גריס דיך, מפּלה, פּונקט ווי נצחון,
אייךביידן האָב איך ליב צוגלייך:
אויפן דנאָ פון מיין שטאָלץ ליג איך געבראָכן,
אי פרייד, אי לייד — כוואַליעס פון זעלבן טייך.

איבער די וואַסערן, נאָכן־שטורעם־שטילקייט,
אין לויטערן אָוונט, — בראָדזשעט אַלץ אַ טומאַן;
אין לעצטער אכזריות איז דאָ אַ מילדקייט
און אין גאָטס אמת איז גאָטס געניאַר פאַראַן.

איך האָב ליב מיין יאוש און מיין געוואַקל,
אין לעצטן טראָפּן איז פרייד פאַר אונדז דאָ.
בלויז איינס אויף זיכער ווייס איך אין סך־הכל:
אַ יעדן כּוס דאַרף מען טרינקען — ביזן דנאָ.

אַ געזאַנג

דורך מיין פענצטער אין טורעם זע איך גאַנץ ווייט,
זע איך גאַנץ ווייט,
נאָר כ׳זע בלויז דעם הימל אין מערבֿ־זייט,
אין מערבֿ־זייט.
און דער הימל זעט מיר אויס בלייך און לער,
אַזוי בלייך און לער...
אָן רחמים צום האַרץ, וואָס וויינט אָן אַ טרער,
וואָס וויינט אָן אַ טרער.
אויוויי, איך גיי אויס פון צער אָן אַ זין,
פון צער אָן אַ זין.
איך שטאַרב און ווייס ניט צו וואָס און וווּהין,
צו וואָס און וווּהין...
און כ׳ווייס ניט פון וואַנען ס׳קומט דער פאַרלאַנג,
פון וואַנען — דער פאַרלאַנג,
נאָר פון בענקשאַפט נאָך וווּנדער דאָס האַרץ איז קראַנק,
דאָס האַרץ איז קראַנק.

איך וויל ס׳זאָל פּאַסירן, וואָס קיינמאָל ניט פּאַסירט,
וואָס קיינמאָל ניט פּאַסירט.
ווען אַפילו דער הימל זאָגט עס צו און קאַווירט,
זאָגט „יאָ" און קאַווירט,
וויין איך אָן טרערן פון זיין פאַלשן „יאָ"...
פון זיין פאַלשן „יאָ"...
ס׳פעלט מיר אויס, וואָס אויף דער וועלט איז ניטאָ,
וואָס אויף דער וועלט איז ניטאָ.

זי

אַ נעבעכדיקע, געוויסנלאָזע, געמיינע,
זי איז אַ גרויע, ווי דער שטויב פון דער ערד.
איך שטאַרב אַוועק פון זיין מיט איר אינײנעם, —
ניט אָפּצורייסן זיך, זי איז באַשערט.

זי איז אַ שאַרסטקע, שטעכיק־שפּיציקע,
זי איז אַ קאַלטע, ערדיש־קאַלטע שלאַנג.
פון אירע שופּן בריִק־ריציקע
אין גאַלע וווּנדן איז מיין לייב — כ׳בין קראַנק.

אַך, ווען כ׳וואָלט שפּירן שאַרפער אירע שטעך!..
אַן אומגעלומפּערטע, אַ טעמפּע, שטומע,
אַזאַ מין שווערע, ציט זי זיך ווי פּעך.
און זי איז טויב, מעגסט שרייען ווי באַנומען.

מיט אירע רינגען עקלהאַפטע, טמא
זי נעמט אַרום און שטיקט, ווען כ׳שלאָף און וואַך.
און אָט־די פגירה, אָט־די שוואַרצע זאַך, —
יאָ, אָט־די שרעקלעכע — איז מיין נשמה!

סקיטאַליעץ (1869 — 1941)

איך וויל שמחה

איך וויל טאַנצן, זינגען אַ געזאַנג אין פריידן,
שטורמיש הוליען, לאַכן פון אַ שאַרפן וויץ,
ווייל איך האָב געוווּסט בלויז פון געברענטע ליידן,
ווייל געלעבט אַ לעבן אונטער יאָך און שמיץ.

לופט, און זון, און בלומען! ווייל צו לאַנג געזיי̆ערט
אינעם זומפּ פון רעגנס און פון פּאַמעשאַף.
איך וויל טאַנצן, זינגען; איך וויל זיין אַ פּרייער,
ווייל איך בין געווען אַ געשמידטער שקלאַף.

איך וויל פּעכטן, האַקן, בראָקן אויף שטיק־שטיקלעך
אים אַליין דעם רשע, וואָס האָט מיך געאיבט.
איך וויל הייסע ליבע און איך וויל זיין גליקלעך,
ווייל כ׳בין ניט געווען גליקלעך און געליבט.

מ. א. לאָכוויצקאַיאַ (1869 — 1905)

איך וואָלט געוואָלט

איך וואָלט געוואָלט די טרוימען מיינע,
חלומות און פאַרבאָרגענע באַגערן
אין לעבעדיקע בלומען זיי פאַרקערן,
נאָר... ס׳וואָלטן רויזן צופיל שיי̆נען!

איך וואָלט געוואָלט אין ברוסט אַ לירע —
מיט אייביק־יונג געפיל זאָל איבערפליסן
דאָס האַרץ און זינגען זאָל עס שירה,
נאָר... זיינע סטרונעס וואָלטן זיך צעריסן!

איך וואָלט געוואָלט אין קורצן דרעמל
פאַרזוכן זיסן פאַרגעניגן,
נאָר... ס׳וואָלט געמיינט: פאַרלעשן ס׳פלעמל
פון לעבן, בלייבן שוין אַ טויטע ליגן!

איוואַן בונין (1870 — 1953)

דאָס וואָרט

עס שטומען סאַרקאָפאַגן, מומיעס, ביינער, —
געשענקט איז לעבן בלויז דעם וואָרט:
עס רעדט די שריפט בלויז אויף די אָנדענק־שטיינער
פון אַלטן עברס הייליק אָרט.

ניטאָ קיין אַנדער אוצר, ווי דאָס ריידן!
ווי ווייט איר קענט, זייט אויף דער וואַך
און היט, אין טעג פון צאָרן און פון ליידן,
דעם גאָב אומשטערבלעכן — די שפּראַך!

אַ ליד

איך — אַ פּראָסטע מויד אין אַן אַרבוזן־גאָרטן,
ער — אַ פישכאַפּער, אַ פריילעכער, אַ ברען.
אין לימאַן־גוס זינקט אַ ווייסער זעגל דאָרטן,
ימים, טייכן האָט ער שוין אַ סך געזען.

כ׳הער מען זאָגט, אַז אויפן באָספּאָר זיינען פרויען
זייער שיין... און איך בין שוואַרץ, און הויט און ביין.
ס׳זינקט דער ווייסער זעגל אינעם ים דעם בלויען, —
אפשר וועט ער שוין צוריק ניט קומען מיין!

איך וועל וואַרטן, וואַרטן — שיינע טעג און נאַסע...
אויב ער קומט ניט, זאָג איך פון באַשטאַן זיך אָפּ,
כ׳גיי אַרויס צום ים און וואַרף דעם רינג אין וואַסער
און כ׳דערוואַרג זיך מיט מיין שוואַרצן לאַנגן צאָפּ.

ניט פאַר געוויטער ציטער

שרעק ניט איבער מיט געוויטער:
פרילינגדיק דער דונער קראַכט!
נאָכן שטורעם, נאָכן ציטער
העל דער הימל לייכט און לאַכט.
נאָכן שטורעם וואַקסן גרעזער,

בעבלעך שרויפן זיך אַרויף,
דופטיקער און לוקסוריעזער
עפענען זיך בלומען אויף!

נאָר פּאָר פוילן וועטער כ׳ציטער,
ווען ער איז ניט שלעכט, ניט שיין:
ס׳איז פּאַר מיר צו טראַכטן ביטער,
אַז דאָס לעבן וועט פאַרגיין
אָן שום צרות, אָן שום גליקן,
רק אין זאָרג ניט פאַרן עיקר;
אַז די כּוחות וועלן וויאַנען
אָן געראַנגל מיט געשטער;
אַז די זון וועט פון טומאַנען
ניט אַרויסקומען שוין מער!

צום געבוירן־לאַנד

זיי מאַכן דיך צו שפּאָט און שאַנד,
זיי וואַרפן דיר פאָר, געבוירן־לאַנד,
די פּשטות פון דיין אָפּן האַרץ,
די כאַטעס, וואָס זיי זעען שוואַרץ...

אַזוי אַ חוצפּהניק אַ קאַלטער —
אַ זונדל שעמט זיך מיט זיין מאַמען
דער מידער, טרויעריקער, אַלטער,
ווען ער מיט שטאָט־פריינד איז צוזאַמען.

ער שענקט אַ שמייכל פון רחמנות
איר, וואָס איז צופוס געגאַנגען
הונדערט ווערסט אים צו דערלאַנגען
איר לעצטן גראָשן אַ מתּנה.

רחלס קבר

„און זי איז געשטאָרבן און ס׳האָט יעקב
זי אין וועג מקבר געווען...״
און אויף איר קבר איז ניט צו זען
קיין נאָמען, קיין אויפשריפט, קיין צייכן.

אין אוהל ביינאַכט לייכט אַ ליכט אַ בלייכער
און דער קופּאָל, מיט קרייד אויסגעווייסט,
איז מיסטעריעז, אין לבוש פון אַ גייסט.

איך גענען אין דעמער מיט יראה
און ציטעריק קוש איך אויף דער מצבה אירער
די קרייד און דעם שטויב — די וויסטע...

פון אַלע ערדישע ווערטער דאָס זיסטע —
איז ר ח ל!

(1907)

וואַלערי בריוסאָוו (1924—1873)

דער מויערער

— מויערער, מויערער, מיטן פאַרטעך דעם ווייסן,
זאָג, וואָס דו בויסט פאַר אַ הויז?
— היי, דו ניט שטער ביי דער אַרבעט זיך פלייסן!
כ׳בוי אַ געפענגעניש אויס.

— מויערער, מויערער, מיט דער קעלניע און שנירל,
קלאָגן וועט ווער הינטער שלאָס?
— זיכער ניט דו, ניט דיין ברודער — איר, גבירים,
גנבענען זאָלט איר צו וואָס?

— מויערער, מויערער, ווער מיט יללה
וועט זשע ניט שלאָפן קיין נעכט?
— אפשר מיין זון, ס׳איז אַזאַ אונדזער דאָליע.
ווען איז דער פועל גערעכט?

— מויערער, מויערער, וועט ער דערמאָנען
דעם, וועלכער לייגט דאָס געשטיין?
— היי, דו ניט שטיף אונטער דער רעשטאָוואַניע!
שוויג דו, איך וויס אַלץ אַליין!

אַ סאָנעט וועגן פאָרעם

ס׳איז צווישן דער קאָנטור און ריח פון דער רויז
אַ דינער מעכטיקער צוזאַמענהאַנג פאַראַנען.
ניט אָנגעזען איז אַ בריליאַנט פאַר אונדז, ביז וואַנען
דער דימענט־שלייפער אים באַלעבט ניט, שלייפט ניט אויס.

אַזוי די בילדער פון דער לויפיקער פאַנטאַזיע,
ווי וואָלקנס, וואָס זיך ענדערן אין זייער גאַנג,
פאַרשטיינערטע, זיי לעבן נאָכדעם יאָרנלאַנג
אין דער געשליפענער און שלימותדיקער פראַזע.

איך וויל, אַז אַלע מיינע טרוימען און געדאַנקען,
וואָס זיינען צו דעם וואָרט און צו דעם ליכט דערגאַנגען,
געפינען זאָלן זיך די שטריכן די געצילטע.

ווען ס׳עפנט אויף מיין פריינד דאָס בוך פון דעם פאָעט,
זאָל אים באַטרונקען אי די פראַכט פון דעם סאָנעט,
אי פון די אותיות די שיינקייט איינגעשטילטע.

מיכאַיל קוזמין (1936 — 1875)

פאַרלאָזט איז אַ גליק

וואָס פאַראַ גליק דאָס איז צו זיין פאַרלאָזן!
אַן אומגעהייער ליכט אין עבר העלט,
ווי נאָכן זומער שוין, אין כמאַרנעם אָסיען
געדענקסטו אַלץ די זון, כאָטש זי שוין פעלט.

אַ טרוקן בלימעלע, אַ בינטל ליבעבריוו,
אַן אויגן־שמייכל, גליקלעכע צוויי ראַנדקעס, —
מעג איצט אין וועג זיין פינצטער, די בלאָטע טיף,
נאָר דו אין פרילינג האָסט אויף גראָז געוואַנדערט.

די ליידנשאַפט האָט פיל נאָך זיסע טעמ׳עו,
אַ ברייטער וועג צו זי פירט דורך אַ וויסט...
צו זיין פאַרלאָזן איז אַ גליק אַזאַ מין!
אַן אומגליק איז, ווען ניט געליבט דו ביסט.

פוזשי־יאַמאַ אין שעלכל

כ׳זע דורך דעם דאַמף פון טיי דעם פוזשי־יאַמאַ־באַרג —
אַ גאָלדענעם ווולקאַן אויף אַ פאַרגעלבטן הימל.
ווי די נאַטור דאָס שעלכל איז מצמצם שטאַרק!
נאָר ס׳קומט אַ נייער ציטער שטיל ווי אין אַ דרימל.
אַ זון, די גרייס ווי ס׳אויגעלע פון מערעשקע,
דרינגט דורך די וואָלקנס — שפינוועבסן עטערישע
און ס׳ווערן פייגל־פיש — די טייעלעך די שוואַרצע —
די שטריכן אויפן הימלס פליסנדיקע קוואַרצן!
די פרילינג־וועלט וועט אין דער קליינער וועלט אַריין:
ווי על־פּי שאַל פון האַרן, וועלן דופטן מאַנדלען;
דעם גאַנצן ים־גוס, מעג ער צוויי מאָל ברייטער זיין,
דאָס שעלכל וועט אַריינעמען אין זיינע ראַנדן.
נאָר אומגעריכט אַ צווייגעלע פון אַ מימאָזע
צעשפּאַלט די הימלען, זיך צעלייגט אין זייער מיט, —
אַזוי אויף בלעטער פון דער פילאָזאָפיעס פּראָזע
גיט פּלוצעם דיר אַ בלישטש אַמאָל אַ ליבעליד.

אַלעקסאַנדער בלאָק (1880 — 1921)

דער קינסטלער

אין ווינטערס מעטעליצע, אין חמימה פון זומער,
אין טעג פון געבוירן, פון חתונות און לוויות,
איך וואַרט ס׳זאָל מיין טויטלעכן לאַנגוויל צעשטרייען
אַ קלאַנג, וואָס קיין אויער האָט נאָך ניט פאַרנומען.

אָט איז ער. מיט קאַלטער כּוונה, אָן צעגער
איך וואַרט עפּעס כאַפּן און בינדן און קוילענען
און פאַר מיין שאַרף־אויגיקער וואַך פון אַ יעגער
אַ פּעדעמל ציט ער, אַ דינעם, פאַרהוילענעם.

אַ ווינטער פון ים? פון גן־עדן אַ ליד?
צי אפשר איז שטיין גאָר געבליבן די צייט?
צי שיט עס דער עפּלבוים זיין שנייִקן צוויט?
צי פליט עס אַ מלאך אויף פליגל פון זייד?

עס ציִען זיך שעהען, וואָס טראָגן באַשעריקס,
עס שפּרייטן זיך קלאַנגען, און ליכט, און באַוועג.
דער עבר פאַרקוקט זיך אין עתיד באַגעריק.
קיין איצטער — ניטאָ. דאָס נעבעכדיקס — אַוועק.

צום סוף, ביי דער נייער נשמהס התחלה,
וואָס האָט אירע כּוחות נאָך ניט אויפגעדעקט,
דערשלאָגט זי, אַזוי ווי אַ דונער, די קללה:
דער שעפּערישער שׂכל די שירה פאַרמעקט.

און כ׳שליס אין אַ שטייגל, מיט דראָטן געקראַטעוועט,
דעם פויגל דעם גרינגן, דעם גוטן, דעם פרייען,
וואָס האָט די נשמה געוואָלט אָפּצוראַטעווען —
פאַרטראָגן דעם טויט אין די צייטן פאַרביי.

און אָט איז מיין שטייגל דאָס שווערע, דאָס שטאָלענע,
וואָס גליט קעגן שקיעה אַ גאָלדיק־געמאָלענע.

און אָט איז מיין פויגל, דער געוועזענער טענצער,
וואָס וויגט איצט אַ רייף און זינגט אויפן פענצטער.

די פליגל ביים פויגל זיינען אונטערגעשערטע,
זיין זינגען איז איינגעחזרט. איר, איינגעהערטע,
שטייט אונטערן פענצטער. אייך געפעלן די לידער,
און איך וואַרט אויף נייס — ס׳איז מיר לאַנגווייליק ווידער.

די זעגל שווייגט שטיל

די זעגל שווייגט שטיל. אין הימל קאַלטן
פאַר איר די שטערן ברענען אַלץ.
אַרום די פעלקער מאַכן גוואַלדן
פון וועגן גאָלד צי ברויט מיט זאַלץ...
זי שווייגט און הערט ס׳געשריי פון קעלן,
זעט ווייטע וועלטן — קליין ווי מאָן,
נאָר אין צוויי־פנימדיקן עלנט
מתנות שיינע גרייט זי אָן, —
זי גרייט פאַר געטער גאָבן פיינע
און שטיל אין איר פאַרשטעלטער שטעל
מיט שאַרפן אויער הערט זי איין זיך
אין ווייטן רוף פון צווייטער זעל...

אַזוי — מיט הערצער ניט־צעשיידטע,
זיך רופן איבער אין טומאַן
מיט הילכן, בלויז פאַר זיי באַשיידטע,
די ווייסע פייגל איבערן ים.

אין דערוואַרטונג

איך פיל ד י ך אין פאָרויס. פאַרביי די יאָרן יאָגן.
אין איינציקער געשטאַלט ד י ך פיל איך אין פאָרויס.
דער האָריזאָנט אין פלאַם איז קלאָר — ניט צו פאַרטראָגן.
מיט בענקעניש און ליבע שטיל דיך קוק איך אויס.

עס פלאַמט דער האָריזאָנט, אָט וועסטו זיך אַנטפּלעקן,

נאָר איך האָב מורא: זאָלסט ניט בייטן דיין געזיכט
און וועסט אין מיר אַ חוצפּהדיקן חשד דערוועקן
מיט ענדערן די שטריכן דיינע אומגעריכט.

אָ, ווי כ׳וועל פאַלן — נידעריק אַזוי און פּיינלעך,
די טויטנדיקע טרוימען ניט באַהערשט אין זיך!
ווי קלאָר — דער האָריזאָנט! אָט באַלד ד י ך זע איך אויגנשיינלעך,
נאָר איך האָב מורא: זאָלסט ניט בייטן דיין געזיכט.

דער שפּאַרבער

אַ שפּאַרבער איבער דרעמלענדיקע לאָנקעס דרייט זיך
און צירקלט קרייז נאָך קרייז אין שוועבן
און קוקט אַרונטער, לאָקערט אויף אַ לעבן.

אַ קינד אין שטיבל אין געוויין פאַרגייט זיך
און איבער אים, אַן איינגעבויגענע אין פּיין,
די מאַמע נעמט אים איין:
„נאַ ברויט, נאַ, נעם די ברוסט און זייג,
„וואַקס אויס און טראָג דיין קרייץ, דעם רוקן בייג״.

יאָרהונדערטער פאַרביי, — מלחמה — בונט —
עס ברענען דערפער ביזן גרונט,
און דו, מיין לאַנד, ווען וועסטו בייטן
דיין שיינקייט די פאַרוויינטע פון פאַרצייטן?

ביז וואַנען וועט דער שפּאַרבער נאָך זיך דרייען?
ווען וועט די מאַמע מיט איר קינד זיך פרייען?

אין וויכער פון געפילן

ווי שווער איז צווישן מענטשן דעם געפאַלענעם
זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ ניט־פאַרפאַלענעם!
ווי שווער — די טראַגיק־שפּיל פון תאווה איבערגעבן
צו די, וואָס דאַרפן אָנהייבן ערשט לעבן!

און ווען דו זעסט נאָך פריש דיין נאַכטיקן קאָשמאַר,

גערפין אַ סדר אין געפילן־וויכער
און מיטן בלייכן אָפּשיין־פלאַם פון קונסט זיך נאַר,
כדי דערקענען זאָל מען ניט אויף זיכער,
אַז ס׳לעבן איז אַ פייער, וואָס פאַרבלענדט,
אַז ס׳לעבן איז אַ שׂרפה, וואָס פאַרברענט!

אין דער קעלט

מיין ערדיש האַרץ שוין ווידער גליווערט,
נאָר כ׳שטעל דער קעלט די ברוסט אַרויס.
אויף דר׳ערד פון אוממענטש מענטשן־ליבע
פאַר אַלע גלייך איך היט אין שויס.

נאָר הינטער ליבע צייטיקט צאָרן,
פאַראַכטונג וואַקסט און אַ באַגער
צו לייענען אין מענטשנס אויגן
דעם צייכן פון דער בחירהס טרער.

„פּאָעט, פאַרגעס אַלץ!״ הער איך רופן:
„אַהיים קער אום זיך, וואָגלער דו!״
ניין! בעסער שוין דערפרוירן ווערן.
ניטאָ — קיין היים. ניטאָ — קיין רו.

די באַרזשע

שטייט די לעבנס באַרזשע
אויף אַ פליטקען אָרט.
הערט מען פון דערווייטן
די געשרייען דאָרט.
לידער און אַלאַרם
אויף אַ פוסטן טייך.
קומט אַ גבר אין גרויען
טולופּ, נעמט ער גלייך
און דרייט אויס דעם רודער,
מאַכט דעם זעגל אויף,

שטופּט אַ דראַנג אין באָדן,
מיט דער ברוסט דערויף.
גיט די רויטע קאָרמע
שטיל זיך אַ קער אויס
און אַנטקעגן לויפן
בונטע הויז נאָך הויז.
שווימען ווייט די באַרזשער
מיט אַ פריילעך ליד,
אָבער אונדז ביים וואַסער
נעמען זיי ניט מיט!

ווי משוגע וויל איך לעבן

אָ, ווי משוגע וויל איך לעבן! —
פֿאַראייביקן דאָס וויכטיקע,
פֿאַרמענטשלעכן דאָס אָן־געזיכטיקע,
דעם ניט־געשעענעם אַ קערפּער געבן!

מעג דער קאָשמאַר פֿון לעבן וואָרגן
און מעג מיך שטיקן זיין דעליר, —
קאָן זיין, אַמאָל וועט אַ גוט־וואָרט ניט קאַרגן
אַ פֿריילעך בחורל פֿון וועגן מיר:

„פֿאַרגיב זיין כמורנעקייט! איז דאָס זיין ריכטשנור?
„איז דאָס די טרייבקראַפֿט צו זיין רום?
„ער איז דאָס קינד פֿון גוטס און ליכט גאָר,
„ער איז פֿון פֿרייהייט דער טריִומף!"

נאַכט, גאַס, פֿאָנאַר

נאַכט, גאַס, פֿאָנאַר, אַפּטייק.
זינלאָזע באַלייכטונג — טונקל־געלבע.
לעב נאָך יאָרן פֿיל, וועט זיין דאָס זעלבע.
ניטאָ קיין אויסוועג, כאָטש אין דר'ערד זיך לייג.

נאָר שטאַרבסטו, הייבסטו אָן פֿון בראשית,
חזרסט איבער ווידער, הייסט עס:
נאַכט, גאַס, פֿאָנאַר, אַפּטייק.
זינלאָזע באַלייכטונג, — שערבלעך זיך לייג!

אַנדריי בעלי (1880—1934)

אַ דערקלערונג אין ליבע

דער טוי אויף די בלעטעלעך פינקלט,
די זון אין דער סאַזשעלקע ברענט.
די בעקלעך באַפודערט, באַשפּרינקלט,
ווי אַ רויז די קראַסאַוויצע בלענדט.

אין ווייסע דורכזעיִקע שפּיצן,
זי טרוימט אונטער קלאַנג פון קלאַוויר.
די שטראַלן מיט גאָלד זי באַשפּריצן...
אַ בילד, וואָס ביים האַרצן דיך רירט!

אַ צוגאָב צו דעם ניט קיין קליינער:
די האָפן אויף ווענט און קאַרניז,
און זיכער — דער יונגער און שיינער,
וואָס נייגט זיך פאַר איר, — דער מאַרקיז.

זיין ראָלע ער שפּילט עלעגאַנט —
אין פאַבריק, ניט אין אייגענע פאַטלעס,
אין קאַמזויל פון לאַזור־בלויען אַטלאַס,
ער זאָגט מיט אַ רויז אין דער האַנט:

„באַוויליקט, נעמט ס׳בלימל פון מיר.
כ׳פאַרגעטער איך, שיינע קוזינע...״
זי ענטפערט אים אויפן קלאַוויר,
ער לאַכט צו איר, ווי אויף דער בינע.

. . . .

שוין לאַנג, אַז דער נעפּל אַ בלאַסער
אויף לאַנקעס די טויִקע קריכט
און אין פיאָלעטעוון וואַסער
שווימט לאַנג דער לבנהס געזיכט.

אויף די בערג

בערג אין חתונה־קרענץ.
כ׳בין באַגייסטערט, כ׳בין יונג, פריש און הייטער.
ס׳איז ביי מיר אויף די בערג
אַזאַ קעלט, וועלכע לייטערט.

קומט צו מיר אויפן שפּיץ זיך צו שלעפּן
אַ פּאַרשוין מיט אַ האָרב, ניט קיין יונגער —
אין די האָר גרויע פּאַסן,
און ער ברענגט אַ מתּנה
פון אָראַנזשעריעס אַנאַנאַסן.

אין זיין פלאַמיקער העמד מאַלינאָווער
זיך צעטאַנצט ער און זינגט צו דער בלויקייט אַ לויב
און אַ וויכער הייבט ער אויף מיט דער באָרד —
פון מעטעליצע־זילבערנעם שטויב.

ער מאַכט קולות
מיט אַ נידעריקן באַס
און צום הימל אַ שליידער
גיט ער איין אַנאַנאַס.

און אַ דוהע געמאַכט אין דער לופט
און באַלויכטן די לאַנדשאַפט,
פאַלט אַנידער ווו דער אַנאַנאַס
אין דער אומבאַקאַנטשאַפט,

מיט זיין גאָלדענעם טוי,
וואָס פון זיך שטראַלט אַרויס זיילעכלעך אימפּעריאַלן.
אונטן האָט מען געזאָגט,
אַז דער דיסק פון דער זון איז געפאַלן.

דער קרישטאָל פון פאַררויטלטן טוי האָט געבליצט
אויף די פעלדזן צעשמעטערט,
וואָס ער האָט מיט פאַנטאַנען פון גאָלד זיי באַשפּריצט.

כ׳האָב צוויי בעכער מיט וויין אָנגעפילט
און בגנבה דעם הויקער, פֿאַרקוקטן אין תהום,
האָב איך אָפּגעגאָסן
מיט ליכטיקן שוימיקן שטראָם.

מיינע ווערטער

מיינע ווערטער — דימענטענער ברויז פֿון ים —
אָט ערשט לבנהדיק פֿאַרטרוימט
און אָן אַ סיבה אויפֿגעשוימט, —
אַ קאַפּריזנעם פֿויגלס פֿלי צוליב אַ נעפּל סתם.

מיינע טרוימען אָפּגענאַרטע זיפֿצן זענען,
טרערן אייז־פֿאַרפֿרירטע,
וואָס פֿון אָפּשיין ברענען, —
אַ ריז ביי זיך, פֿון זינען אַ גערירטער.

און מיין ליבע — אַ רופֿנדיקער קלונג אַ טריבער,
איין הילך, און ס׳שטומען זיינע טענער, —
אַ חלום ניט קיין קלאָרער, דאָך אַ ליבער,
נאָר ווען־אַמאָל שוין אַ געזע׳נער.

ניקאָליי גומיליאָוו (1921—1886)

דער זעקסטער חוש

ס׳איז פּרעכטיק דער אין אונדז פאַרליבטער ווײַן
און ס׳ברויט, וואָס צוליב אונדז זיך באַקט אין אויוון,
און אויך די פרוי, וואָס מאַכט נאָך זיך צו לויפן,
נאָר גיט הנאה, ווען דו נעמסט זי אײַן.

וואָס טוט מען אָבער מיטן ראָזן גלי,
ווען ס׳קילט דער הימל אָפּ פון זון דעם ברי,
און שטיל איז דאָרט, ניט ווי אין ערדס האָרמידער?
וואָס טוט מען מיט די געניאַלע לידער?

ס׳איז ניט צום עסן, טרינקען אָדער קושן.
ס׳פליט באַלד אַוועק דער אויגנבליק אין לעבן.
מיט הענט פאַרבראָכענע, נאָר טעמפּע חושים
פאַרמשפּט גייען מיר פאַרביי, דערנעבן.

אַזוי אַ ייִנגל קוקט, זײַן שפּיל רײַסט איבער,
ווען ס׳באָדט אַ מיידל זיך, און אומבאַוווּסט,
הגם ער ווייסט נאָך גאָרניט וועגן ליבע,
אים מאַטערט שוין אַ סודותדיקע לוסט;

און ווי אַ שרץ האָט אַמאָל געוויינט,
געריסן זיך פון זײַן געמויזעכץ־וויגל,
אַ הילפלאָזער, נאָר דאָס האָט דאָך געמיינט:
ער שפּירט שוין זײַנע קומענדיקע פליגל, —

אַזוי שוין דור נאָך דור — אָ, גאָט, ביז וואַן? —
אונטער דעם מעסער פון נאַטור און וויסן
וויינט אונדזער גייסט, דער קערפּער ווערט צעריסן,
געבערנדיק דעם זעקסטנס חוש אָרגאַן!

דער אַלטער קאָנקוויסטאַדאָר

טיפער אין די פרעמדע בערג אַרײַנגעפאָרן,
האָט פאַרבלאָנדזשעט זיך דער אַלטער קאָנקוויסטאַדאָר.

אין טומאַנעם הימל שווימען די קאָנדאָרן,
הענגען מאַסן שניי — געפּרוירענע קאַסקאַדן.

בלאָנקעט ער זיך דאָרט אַרום אַכט טעג אָן עסן,
פאַלט דאָס פערד, נאָר ער געפינט אַ שטוב, אַ גאָרטן
באַלד אין טאָל, ווו מ׳איז אַמאָל באַקוועם געזעסן,
שיידט ער זיך ניט מיט זיין ליבלינגס קערפּער. דאָרטן

זיצט ער אונטער דאָרן פייגנבוים — אַ פּריץ,
זינגט זיך לידער פון דער זוניקער קאַסטיליע
און דערמאָנט זיך אין מלחמות און סיניאָרעס,
זעט אין דמיון אָט פּיסטוילן, אָט מאַנטיליעס.

און ווי תמיד איז ער זיכער, אומדערשראָקן
און ער ווייס ניט פון קיין כּעס און בייזן ווילן,
קומט דער טויט צו דעם מלחמה־העלד דעם זקן,
לייגט ער פאָר, ער זאָל מיט אים איןביינדלעך שפּילן.

אַ שקלאַפן־ליד

אין פרימאָרגן דערוואַכן די פייגל,
די גאַזעלן לויפן זיך פּאַשען,
קומט אַרויס אויך דער אייראָפּייער
און פּאָכעט מיט דער לאַנגער בייטש.

און ער זעצט זיך אין שאָטן פון פּאַלמע,
מיט אַ גרינער וואָל אויף זיין פּנים,
שטעלט אַוועק נעבן זיך אַ פלאַש בראַנפן
און ער כוואָשטשעט די פוילע קנעכט.

מ י ר דאַרפן רייניקן זיינע זאַכן,
מ י ר דאַרפן זיינע מוילאייזלען היטן
און אין אָוונט עסן געזאַלצנס,
וואָס איז קאַליע געוואָרן בייטאָג.

אַ לויב אונדזער האַר אייראָפּייער,

ער באַזיצט ווייטשיסנדיקע ביקסן,
ער באַזיצט אַ שווערד אַזאַ שאַרפע
און אַ בייטש, וואָס שינדט אונדזער הויט!

אַ לויב אונדזער האַר איראָפּייער,
ער איז בראַוו, נאָר ער שטויסט ניט אָן זיך,
ער האָט אַזאַ צערטלעכן קערפּער,
אים צו שטעכן אַ מחיה וועט זיין!

וולאַדיסלאַוו כאָדאַסעוויטש (1939 — 1886)

פאַרן שפּיגל

איך, איך, איך. וואָס פאַראַ ווילד וואָרט!
בין איך דאָס טאַקע אָט יענער דאָרט?
האָט דען די מאַמע ליב געהאַט אַזאַ איינעם,
אַ געלן, אַ האַלבגרויען, ניט קיין שיינעם,
אַן אַלץ־וויסער, ווי די שלאַנג, אַ וואָס־אין־קאָרט?

בין איך דאָס יִנגל, וואָס אין אָסטאַנקינע
פלעגט אויף די דאַטשע־בעלער טאַנצן
און מיט די ענטפּערס די גאַליק־גרינע
ביי די פּאַטלעך צו זיך פאַרפלאַנצן
אַן עקל, אַ שוידער, אַ שׂנאה?

איז דאָס דער, וואָס אין שפּעט־נאַכטיקע דיספּוטן
האָט אַריינגעלייגט זיין יִנגלשע גאַנצע היץ, —
בין איך דאָס דער זעלבער, וועלכער איצט
אויף טראַגישע רייד, ווי אין מוט אין גוטן,
ענטפערט מיט שווייגן אָדער מאַכט אַ וויץ?

אגב — אַזוי אַלע מאָל דאָך גייט ער
דער ערדישער וועג — אינדערמיט:
פון איין קנאָפּער סיבה צו אַ צווייטער,
ביז דו ביסט אין אַ וויסט אַ פאַרדרייטער,
געפינסט ניט דיינע אייגענע טריט.

ניט קיין פּאַנטערע, וואָס שפּרינגט צו פאַרצוקן,
האָט מיך אויפן בוידעם פאַריזשער פאַריאָגט
און עס שטייט ניט ווירגיל אַהינטער מיין רוקן, —
בלויז די איינזאַמקייט איז דאָ אָנצוקוקן
אין ראַם פונעם גלאָז, וואָס דעם אמת ער זאָגט.

איגאָר סעווועריאַנין (1887—1941)

אַ פרילינג־טאָג

דער פרילינגדיקער טאָג איז גאָלד צעשמאָלצן, —
די גאַנצע שטאָט איז פון דער זון פאַרבלענדט!
כ׳בין ווידער אי ך — אַ יונגער און אַ שטאָלצער!
און כ׳בין פאַרליבט און פריילעך אָן אַן ענד!

מיין זעל צו פעלדער רייסט זיך, אויפגעטייעט.
איך גריס אין וועג ווילד־פרעמדע לייט אויף „דו״...
וואָס פאַרא רחבות! וואָס פאַרא פרייהייט!
וואָס פאַרא בלומען און געזאַנג דערצו!

פאָר גיכער, בריטשקע, צו די לאָנקעס יונגע!
כ׳וויל קוקן פויערטעס אין רויטן פּנים.
איך האָב אַ פרילינגדיקן ליבע־הונגער,
איך וויל זיך קושן, ווי מיט פריינד, מיט שונאים!

בלי, בעז! רוישט, וועלדער! מענטשן, פייערט!
פאַר אַלעמען אַ ברכה היינט איך טראָג.
ניטאָ קיין שולדיקע, קיין שלעכטע, בייערט
גערעכטע אין אַזאַ געבענטשטן טאָג!

פון „פּראָלאָג״
(אַ פראַגמענט)

פון טויטע ביכער איז ניט פאַר מיר צו שעפּן
פון מיין באַגייסטערונג די קוואַלן —
פאַרקריפּלען וויל איך ניט מיין שעפערישן לעבן
און מיין נשמהס פרייע שטראַלן.

איך בין אוממיטלבאַר אין שטאַנד
דאָס אומפאַרשטענדלעכע זיך צו דערוויסן.
אין שיף, אַליין־געבויטער אויף מיין ערדיש לאַנד,
אין הימל שוועב איך אום פאַררײַסן!

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

די לאַב׳ראַטאָריעס זיינען ניט פאַר מיר!
פאַר מיר קיין לערער זיינען ניט פאַראַנען!
איך שוועב אין בלויע הימל־אָקעאַנען,
אין סוויטע פון די זונשטראַלן כ׳רעגיר!

וואָס פאַראַ פּאַנאָראַמעס! ברייטן! וויטן!
וואָס פאַראַ פרייד! לופט! ליכט! לאַזור!
און ניט קיין רעקוויעם די פּרימיטיווע צייטן,
נאָר אויכעט ניט קיין הימנע דער קולטור!

אַנאַ אַכמאַטאָוואַ (1966—1888)

פשוט און קלוג

איך האָב געלערנט לעבן פּשוט־פּראָסט און קלוג,
אין הימל קוקן, תּפילה טאָן צו דעם באַשעפער
און גיין פאַרנאַכט שפּאַצירן לאַנג און ווייט גענוג,
אַז ס׳זאָל די אומרו ווערן מיד און איינגעשלעפערט.

ווען ס׳שאָרכען־אויף די לאָפּוך־בלעטער אין דער נידער
און דער ראַבינעס געל־רויט הענגל בייגט זיך איין,
פאַרפאַס איך דעמאָלט פריילעכע באַזוּלטע לידער
צום לעבן, וואָס איז שטערבלעך, — שטערבלעך, אָבער פיין.

איך קער זיך אום. עס לעקט די דלאָניע פון מיין האַנט
דער פוכיק־ווייכער קאָטער, מורקעט אַזוי פריינדלעך,
און אויפן טורעמל פון טאַרטאַק ביי דעם ראַנד
פון אָזערע דאָס פייער העלער אַלץ צעשיינט זיך.

שאַ־שטיל, בלויז זעלטן שניידט די שטילקייט איבער
דער בושעל מיט זיין קלאַקען אויבן אויפן דאַך.
און וואָלסטו דעמאָלט אָנגעקלאַפּט אין טיר מיר, ליבער,
קאָן גריילעך זיין, איך זאָל ניט הערן שוין קיין זאַך.

עמעצער

דער וועג — אַ שוואַרצער, אַ געדרייטער,
אַ רעגן מראַקעט אויפן וועג.
צי קאָן ער זיין מיר אַ באַגלייטער
האָט עמעצער ביי מיר געפרעגט.

איך האָב באַוויליקט, נאָר פאַרגעסן
אַ קוק טאָן אויף מיין קאַוואַליר,
נאָר שפּעטער מאָדנע איז געוועזן
דער אָנדענק פון אָט־דעם שפּאַציר.

ווי רויך פון טויזנט קטורת־פאַנען,

דער נעפּל איז געוועזן דיק.
מיין מיטגייער האָט פעסט באַשטאַנען
אַ זינג צו טאָן האַרצרייסנדיק.

כ׳געדענק אַ זייער אַלטן טויער
און דאָרט דעם סוף פון דעם שפּאַציר.
דער עמעצער האָט מיט באַדויער
אַ ליי־געזונט געזאָגט צו מיר:

אַ מעשן קרייצל מיר געגעבן,
ווי מיר אַ ברודער וואָלט ער זיין...
און אומעטום מיין גאַנצן לעבן
איך הער זיך אין זיין סטעפּ־ליד איין.

איך וויין מיט ניט־געטרייסטע טרערן,
כ׳בין אין דער היים, ווי אין דער פרעמד.
אָ, אומבאַקאַנטער, לאָז זיך הערן!
איך זוך דיך, שטרעק צו דיר די הענט.

דער פּסק־דין

דאָס שטיינערנע וואָרט איז געפאַלן
אויף מיין נאָך אַלץ לעבעדיקער ברוסט.
איך זאָג זיך: ס׳דערוואַרט עס! פאַרפאַלן.
סט׳אַן עצה זיך געבן — דו מוזסט.
איך האָב היינט אַ סך צו דערפילן:
כ׳דאַרף טייטן דעם זכר פון אַלץ, וואָס פאַרביי;
פאַרשטיינערן כ׳דאַרף די געפילן,
און לערנען זיך לעבן אויפסניי.
דער טאָג איז צו אַ יום־טוב געגליכן,
כ׳הער הינטערן פענצטער זיין רויש.
אויף דעם האָב איך לאַנג שוין געריכט זיך —
אַ זונשיין, ווען פוסט איז דאָס הויז.

די מוזע

ביינאַכט, ווען איך דערוואַרט דער מוזעס קומען,
הענגט אויף אַ האָר, מיר דאַכט, דער וועלטס באַשטאַנד.
וואָס זענען יוגנט, פרייהייט, כבוד, בלומען,
אַנטקעגן איר, וואָס האַלט די פלייט אין האַנט!
זי קומט און קוקט מיך אָן, אַן אָנגעשפּאַנטע,
פון זיך דעם שלייער אויסגעטאָן אויף גיך.
איך פרעג ביי איר: „האָסט דו דיקטירט צו דאַנטען
דעם גרויל פון גיהנום?” און זי ענטפערט: „איך”.

פאַר אונדז מיט דער לירע

פאַר אונדז מיט דער לירע
איז צו פאַרלירן
פון וואָרט די פרישקייט און די פשטות פון געפיל
דען ניט דאָס, וואָס פאַרן מאָלער איז די ראיה,
וואָס פאַר דעם אַקטיאָר איז קול און זשעסט אין שפּיל
און וואָס עס איז די שיינקייט פאַר דער יפהפיה?

נאָר בלויז פאַר זיך באַהאַלט ניט אין געהיים,
וואָס דיר פון הימל איז געשענקט געוואָרן:
פאַרמשפּט זיינען מיר — מיר ווייסן עס אַליין —
אויף צו פאַרשווענדן, ניט צו שפּאָרן.

גיי איין־אַליין און הייל די בלינדע אָן אַ לוין —
זיך צו באַקענען אין אַ צווייפל־שעה אַ שווערער
מיט תלמידימס שאָדנפרייד פון פּלאָגן לערער
און מיטן גלייכגילט פון המון.

אַן אָוונטשטראַל

צום שטראַל אין פענצטער טו איך תפילה,
אַ בלייכער, דינער איז דער שטראַל.
כ׳בין פון פרימאָרגן אָן אַ שטילע
און ס׳האַרץ איז ביטער ווי די גאַל.

און ס׳איז מיין האַנטפאַס גאַליק־גרין,

אויף אים פֿאַרזשאַווערט איז דער קופּער,
נאָר ס׳בלענדט אַזוי דער שטראַל אויף אים,
אַז פֿריילעך איז דאָס אָנצוקוקן.

אַזאַ מין אומשולדיקער שטראַל
אין גרויער שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכט,
נאָר אין מיין פּוסטן קאַטעדראַל
האָט ער אַ היילונג פֿאַר מיין גאַל —
אַ יום־טוב גאָלדענעם געבראַכט.

די ווערבע

איך בין געוואַקסן אין דער שטילקייט פֿון געמעלן,
אין קינדער־צימער מיט אוזאָרן אויף די ווענט.
דאָס קול פֿון מענטש איז מיר געווען ניט וויל־געפֿעלן,
דאָס קול פֿון ווינט האָב איך פֿאַרשטאַנען, גוט געקענט.
כ׳האָב ליב געהאַט די קראָפּיווע, די לאָפּוך־בלעטער,
נאָר מער פֿון אַלץ די ווערבע אין אַ יעדן וועטער.
אַ דאַנקבאַרע, האָט זי געלעבט מיט מיר בשלום
איר גאַנצן לעבן מיט די צווייגן איינגעבויגן,
ווען כ׳פֿלעג ניט קענען שלאָפֿן, האָט זי אויף די אויגן
מיר אָנגעווייעט אויף דער וואַך אַ זיסן חלום.
און — מאָדנע! — איבערלעבן זי איז מיר באַשערט:
דאָרט אויף איר אָרט אַ פּעניע שטעקט אַרויס פֿון דר׳ערד.
און ווערבעס אַנדערע אַרום מיט פֿרעמדע שטימען
אונטער די הימלען אונדזערע, די זעלבע הימלען,
זיי פֿרעפֿלען עפּעס, — אַ רעקוויעם צי גאָר אַ לעסטער?
און איך בין שטום... איך בין אַן אָבל נאָך אַ שוועסטער.

צייט צו פֿליען

אַ זשוראַוו אַ פֿאַרוווּנדעטן רופֿן אַט־אַזוי
זיינע אייגענע פֿייגל: „קורלי! און קורלי!״
ווען ס׳איז האַרבסט און מען גרייט זיך צום פֿלי
אין מרחקים, נאָך איידער ס׳ווערט פֿראָסט פֿונעם טוי.

און, אַ קראַנקע, דעם רוף הער איך אויך

און דעם רויש פון די פליגל די גאָלדענע
אונטער וואָלקנס געפּאַקטע, וואָס שוועבן ניט הויך,
איבער גראָזן געדיכטע, ווי קאָלטונעס:

„צייט צו פליִען! שוין צייט צו פליִען
איבער וואַסער און לאַנד!
דו קאָנסט שוין ניט זינגען, — ווי לאַנג וועסטו ציִען? —
ס'איז אַפילו דיר שווער זיך באַמיִען
פון דער באַק אָפּצווישן די טרער מיט דער האַנט.“

די סטאַטויע

...און דאָרט אונטערן אַלטן קליאָן, ווי פאַרוויגט,
מיין געפּאַלענע מירמלנע קאָפּיע ליגט —
צו דער אָזערעס וואַסערן ס'געזיכט אָפּגעגעבן
און טויב צו די גרינע געשאָרכן פון לעבן.

און עס וואַשן די ליכטיקע רעגנס אַרויס
פון דער וווּנד די פאַרטריקנטע בלאָטע די גרויע...
אָ, דו קאַלטע און ווייסע, וואַרט אויס,
איך אַליין וועל אויך ווערן אַ מירמלנע סטאַטויע.

דער סוד

עמעצער אַ בטלן האָט אויסגעקלערט,
אַז ס'איז ליבע פאַראַן אויף דער ערד.

און אַלע — ווייל לאַנגווייליק צי ווייל פויל —
גלייבן אים און אַזוי זיך פירן:
מען מאַכט ראַנדעוווּס, מען איז אין גרויל
פאַר צעשייד און מען זינגט שיר־השירים.

נאָר דער סוד איז פאַר אַנדערע אָפן
און אויף זיי אַזאַ פרידלעכקייט רוט...
כ'האָב צופעליק מיט דעם זיך אָנגעטראָפן
און זינט דעמאָלט פיל איך זיך ניט גוט.

אַ ליבע־ליד

דער ערשטער שטראַל — גאָטס ברכה פון דער הייך —
איז אויף מיין ליבסטנס פנים דורכגעלאָפן.
דער שלאָפער איז געוואָרן עטוואָס בלייך,
נאָר באַלד צוריק נאָך פעסטער איינגעשלאָפן.

ווייזט אויס, די וואַרעמקייט פון שטראַל האָט זיך
אים אויסגעוויזן פאַר אַ קוש אַ ליבן...
אוי וויי, ווי לאַנג איז זינט באַרירט האָב איך
זיין מויל, זיין אַקסל — מיט די הייסע ליפּן !..

און איצט, ווי פון אַ מת די זעל אַליין,
אין נע־ונד אָן טרייסט, פאַרשטעלט, פאַרבאָרגן,
איך קום דורך בלויז מיין ליד צו אים צו גיין
און כ׳קוש אים דורכן שטראַל פון דעם פרימאָרגן.

מיט יאָרן שפּעטער

דאָס אָוונט־ליכט איז ברייט און געל און קיל,
די קילקייט פון אַפּריל איז איינגענעמען.
דו האָסט פאַרשפּעטיקט זיך מיט יאָרן פיל,
דאָך איז אַ פרייד פאַר מיר דיך אויפצונעמען.

קום נעענטער אַהער, זיץ ביי מיין זייט,
מיט אויגן פריילעכע קוק אָן מיך ווידער.
אָט איז די בלויע העפט פון יענער צייט
מיט מיינע קינדישע נאַיִווע לידער.

פאַרגיב, וואָס כ׳האָב געטרויערט אָן אַ שיעור
און ווייניק זיך געפרייט מיט זון און בלומען.
פאַרגיב מיר און פאַרגיב מיר, וואָס פאַר דיר
שוין צופיל אַנדערע כ׳האָב אָנגענומען.

די גרענעץ

צו נאָענטקייט פון מענטשן איז אַ גרענעץ פאַראַנען,
פאַר ליבע און ליידנשאַפט ניט אַריבער צו שפּאַנען, —

ווי ס׳זאָלן ניט די ליפּן זיך צונויפגיסן אין לוסט,
ווי ס׳האַרץ זאָל פון ליבע ניט פּלאַצן אין דער ברוסט.

און ס׳העלפט דאָ ניט קיין פריינדשאַפט און קיין יאָרנלאַנג
צוזאַמענלעבן גליקלעך, הייס און געטריי,
ווען פרעמד איז דער נשמה — ווען פון גוף איז זי פריי —
די זיסע מידקייט פון געזעטיקטן פאַרלאַנג.

ווער עס שטרעבט צו דער גרענעץ, דער איז אַ נאַר,
און ווער ס׳דערגרייכט זי, איז געשלאָגן מיט צער...
איצט ווייסטו שוין פאַר וואָס ניט הויך, אָן לוסט
קלאַפּט אונטער דיין האַנט מיין האַרץ אין דער ברוסט.

צו אַ קאַוואַליר

אמתע צערטלעכקייט פאַרבייט מען ניט
אויף געמאַכטער, און זי איז שטיל.
אומזיסט מיטן פעלץ מיינע שולטערן
און ברוסט דעקסטו איין מיט אַ ציל.
און אומזיסט דיינע רייד אונטערטעניקע
וועגן ערשטן ליבע־געפיל.
אָ, ווי איך קען דיינע בליקן די גיריקע!
אָ, ווי איך קען דיין פאַלשע שפּיל!

מיין בריוו ניט צעקאָמטשע

דו מיין בריוו ניט צעקאָמטשע, מיין ליבער,
ביזן סוף, גוטער פריינד, לייען אים איבער.
ס׳איז דערעסן שוין מיר צו זיין אַן אומבאַקאַנטע,
זיין אַ פרעמדע אין וועג פון דיין וואַנדער.

ניט פאַרזשמורע קיין אויג, אַזוי בייז קוק ניט אָן מיך.
איך בין דיינע — מיט חופּה צי אָן איר.
איך בין ניט קיין פּאַסטושקע, ניט קיין מלכּה,
ניט קיין נאָנע, נאָר אויך ניט קיין ליאַלקע.

אין די וואָכעדיקע גרויע קליידער,

אויף די קנאָפּלען אויסגעטראָטענע, צעדרייטע...
נאָר ווי פריִער מיינע אָרעמס וואָר׳מען,
אין די גרויסע אויגן — די זעלבע אַלאַרמען.

דו מיין בריוו ניט צעקאָמטשע, מיין ליבער,
וועגן שקר געירשנטן וויין זיך ניט איבער
און מיין בריוו פֿאַרבאַהאַלט, לייג אַוועק
אין דיין אָרעם רענצל אויפֿן סאַמע דעק.

אַלץ איז דיינס

איך ווייס ניט צי דו לעבסט צי געשטאָרבן, —
צי נאָך זוכן אויף דער ערד דיך קאָן מען,
צי שוין בלויז אין ביינאַכטיקן רעיון
באַדויערן און ליכטיק דערמאָנען.

אַלץ איז דיינס: מיין בייטאָגיקע תּפֿילה,
מיין וואָך־נאַכטיקער פֿאַרחלשטער פֿיבער,
פֿון מיינע לידער די ווייסע טויבן־סטייע,
פֿון די אויגן די בלויע שׂריפֿה, אָ, ליבער!

מיר איז קיינער ניט געווען אַזוי טייער,
מיך האָט קיינער אַזוי ניט געמאַטערט,
אַפֿילו דער, וואָס איז אַוועק, ווי פֿון אַ צרה,
אַפֿילו דער, וואָס האָט פֿאַרלאָזן, אַ זאַטער.

דער אָנדענק

ווי אַ שטיין אַ וויַיסער אויפֿן דנאָ פֿון אַ ברונעם,
ליגט אין מיר אַן אָנדענק, אַ שווערער, אַ ריינער.
איך קאָן ניט און וויל ניט אים בייצוקומען:
ער איז מיר אַ פֿרייד מיט יסורים איניינעם.

מיר דאַכט זיך, אַז דער, וואָס וועט מיר אין די אויגן
אַריינקוקן נאָענט, וועט תּיכף דערזען אים
און ווערן מער טריבער, פֿאַרטראַכטער פֿון יענעם,
וואָס הערט אַ געשיכטע פֿון צער — איינגעבויגן.

איך ווייס, אַז אין זאַכן פלעגן געטער פאַרקערן
אונדז מענטשן, דעם באַוווסטזיין דערביי ניט צעשטערן.
כּדי אייביק זאָלן לעבן די ווונדערלעכע פּיינען,
דיך האָט מען פאַרוואַנדלט אין אָנדענק מיינעם.

ליד פון לעצטער באַגעגעניש

אַזוי הילפלאָז מיין ברוסט האָט געגליווערט,
כאָטש די פּיס האָבן גרינג נאָך געשפּאַנט,
נאָר די הענטשקע די לינקע האָב איך
אָנגעטאָן אויף דער רעכטער האַנט.

כ׳האָב געוווסט, אַז דריי טרעפּ איז פון גאַניק,
נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז אָן אַ שיעור.
צווישן קליאָנען אַ האַרבסטיק געשעפּטשע,
אַ געבעט: „שטאַרב צוזאַמען מיט מיר!

אָפּגענאַרט מיך — דו הערסט — האָט דער גורל,
כ׳האָב געבויט מיינע שלעסער אויף זאַמד.״
כ׳האָב געענטפערט: „ליבער, מיין ליבער!
יאָ, מיך אויך, — מירן שטאַרבן ביינאַנד.״

ס׳איז דאָס ליד פון דער לעצטער באַגעגעניש.
אויפן טונקעלן הויז כ׳האָב געגעבן אַ קוק.
בלויז אין שלאָפצימער גלייכגילטיק־געלבלעך
האָבן ליכט דאָרט געברענט אָן אַ צוק.

אויסער איין זאַך

און ס׳ייִנגעלע, וואָס אויף אַ טרובקע שפּילט,
און ס׳מיידעלע, וואָס פלעכט אַ קראַנץ פון קווייטן,
און די צוויי סטעזשקעס, וואָס קרייצן זיך אין וואַלד,
און ס׳ווייטע פייערל אין סטעפּ אין ברייטן, —

איך זע אַלצדינג. און וואָס איך זע בלויז איינמאָל,
אין האַרצן ליב און טייער היט איך אָפּ,
אַ חוץ איין זאַך, וואָס כ׳ווייס גאָרניט קיינמאָל,

וואָס זיך דערמאָנען קאָן עס ניט מיין קאָפּ.

ניט חכמה און ניט גבורה בעט איך, געטער!
זיך וואַרעמען ביים פייער לאָזט מיך בלויז!
עס איז מיר קאַלט... צי פון מאַטעריע, צי פון עטער,
דער גאָט פון שמחה קומט ניט אין מיין הויז.

ביבלישע פרויען

לוטס ווייב

און דער צדיק, נאָכן מלאך איז געגאַנגען פרום,
אַ גרויסער, אַ ליכטיקער, אויפן שוואַרצן באַרגס רוקן,
נאָר צום ווייב דער אַלאַרם האָט געהילכט: קוק זיך אום,
ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט לעצטמאָליק צו קוקן —

אויף די טורעמס די רויטע פון דיין היימשטאָט סדום,
אויפן הויף, ווו געזונגען האָסטו ביים שפּינען,
אויף די ליידיקע פענצטער פונעם הויז אויבנאָן,
ווו דיין ליבן מאַן האָסטו קינדער געווינען.

געכאַפּט בלויז אַ בליק, און פון טויטווייען ווייס,
זענען בלינד איר אויף אייביק די אויגן געשלאָגן,
דער גוף איז פאַרוואַנדלט אין דורכזיכטיק אייז,
צו דר׳ערד צוגעוואָקסן די פּיס, וואָס זיך יאָגן.

ווער וועט אָט־די פרוי דען זיך נעמען באַוויינען?
פון אַלע פאַרלוסטן דער קלענסטער אין פלוג.
עס וועט בלויז מיין האַרץ ניט פאַרגעסן קיינמאָל
איר גיבן אַ לעבן פאַר אַן איינציקן קוק.

רחל

און יעקב האָט רחלען באַגעגנט אין טאָל,
אַ היימלאָזער וואָגלער, האָט ער זי באַגעגנט.
הייסן שטויב אויפגעהויבן האָבן סטאַדעס אין וואָל,
אַ ריזיקער שטיין אויפן קוואַל איז געלעגן,
האָט אָפּגערוקט יעקב דעם שטיין מיט דער האַנט,
די שאָף מיט ריין וואַסער געלאָשן פון בראַנד.

נאָר געקומען האָט טרויערן זיין האַרץ אין דער ברוסט
און ווייטאָג, ווי אַ ווונד אָן אַ פּלאַסטער,
און זיבן יאָר דינען פאַר דער מויד וואָס ער גלוסט
איז מסכּים באַלד יעקב, זיין לבנס אַ פּאַסטעך.
אָ, רחל! פאַר אים, וואָס ביי דיר אין די הענט,
איז זיבן יאָר גלייך, ווי זיבן טעג פון פאַרבלענד.

נאָר לבן דער גייציקער זייער קלוג איז און שלעכט,
פאַר אים איז רחמנות אַ געפּיל אומבאַקאַנטער,
ער טראַכט זיך, אַז אָפּנאַרן, שווינדלען איז רעכט,
אַבי לבנס הויז וואַקסט דערפון זיך פונאַנדער.
און לאהן די בלינדע מיט אַן אייזערנער האַנט
צו יעקבן פירט ער ווערן באַמאַנט.

אַ הויכע, פליסט איבערן מדבר די נאַכט,
פאַרלירט קאַלטע ראָסע אין פליסן.
און ס׳קרעכצט לבנס יינגערע טאָכטער, די פּראַכט
און רייסט זיך די צעפּ, ווי זיך צו פאַרמיאוסן.
איר שוועסטער פאַרשילט זי, און גאָט אויך אַליין,
דער מלאך־המוות זאָל קומען צו גיין.

און ס׳חלומט זיך יעקבן אַ זיסער מאָמענט —
אין טאָל אַ דורכזיכטיקער קוואַל אין אַ חמימה,
די אויגן פון רחלען מיט פריילעכן בלענד
און ס׳וואָרקען פון איר טייבלשער שטימע:
— צי האָסטו ניט, יעקב, געקושט מיך, געדריקט,
„מיין זון־פאַרשוואַרצט טייבל״ גערופן באַגליקט?

מיכל בת שאול

און דער יוגנטלעכער שפּילט פאַרן מטורף, דעם מלך,
און די גרויזאַמע נאַכט פאַרזינגט ער, פאַרוויגט ער,
און דעם זיגרייכן פרימאָרגן רופט ער הילכיק און פריילעך,
און די שוידער־געשפּענסטער דערשטיקט ער.
און דער מלך כּלומרשט מיט חסד זאָגט זיין צעשטרייער:

„עס ברענט אין דיר, בחורל, אַ װוּנדערלעך פֿײַער,
און פֿאַר אַזאַ מין רפֿואה דיר גיב איך אַ לױין:
נעם איצטער מײַן טאָכטער און שפּעטער — מײַן קרױן.״
נאָר די בת־מלכּה קוקט אויפֿן זינגער מיט זײַן האַרף:
װער דאַרף זײַנע לידער? און די קרױן װער דאַרף?
גיט מען זי אויס, צי גייט מען זי „באַגראָבן״?
פֿון דעסטװעגן װיל מיכל דודן האָבן.
בלײַכער פֿון אַ מת; די צײנער, פֿאַרשטשעמעטע, קריצן;
פֿון אירע גרינע אויגן פֿונקען שפּריצן;
די מלבּושים שײנען און ס׳קלינגען אויף די הענט
די בראַסלעטן בײַ יעדן קער און װענד.
װי אַ סוד, װי אַ חלום אָן אַ באַשײד,
װי ס׳װאָלט לילית דיקטירט אירע רייד,
װי ניט מיט איר אײגענעם װילן,
פּלאַצט מיכל אַרויס אירע טיפֿע געפֿילן:
„אַוודאי האָט מען גיפֿט
אין געטראַנק מיר אַרײַנגעטריפֿט
און מײַן גײַסט איז פֿאַרטונקלט, פֿאַרפֿירט.
איך האָב נאָך אַ טענה?
פֿאַרשעמטקייט מײַנע? דערנידערונג מײַנע?
אַ װאַגאַבונד? אַ גזלן? אַ הירט?
נאָר פֿאַר װאָס פֿון די הױפֿלײַט איז קײנער
װי ער אַזאַ העלד, אַזאַ שײנער?
דו, מײַן זון אין איר פּראַכט! דו, מײַן שטערן בײנאַכט!
דו, מײַן דראָזש אין די בײנער!..״

באָריס פּאַסטערנאַק (1960—1890)

אַ ווינטער־נאַכט

די גאַנצע ערד איז שוין פאַרשנייט,
און ס׳שנייט געדיכט.
אויפן טיש אַ לייכטער שטייט
און ס׳ברענט אַ ליכט.

ווי זומער פייגעלעך אַ ראַי
פליט צו אַ פלאַם,
דער שניי פון דרויסן פליט אַזוי
צום פענצטערס ראַם.

און אויפן גלאָז ער קלעפּט פאַרבלענדט
קרייז און פייל, וואָס צילט.
דעם לייכטער אויפן טיש באַגילט
די ליכט, וואָס ברענט.

אויף דעם באַלויכטענעם סופיט —
אָפּשאָטנס אַ ריי:
געקרייצטע הענט, געקרייצטע פיס
פון שיקזאַלס צוויי.

און אויפן דיל צוויי קליינע שיך
וואַרפן זיך אַראָפּ.
מיט טרערן טריפט דער וואַקס פון ליכט
אויפן גאַרדעראָב.

און אַלץ אין גרויער נאַכט פאַרגייט,
ווערט אָפּגעווישט,
די ליכט בלויז אינעם לייכטער שטייט,
ברענט אויפן טיש.

ווען פון אַ שפּעלטל ערגעץ בלאָזט, —
איר פלאַם פאַרמערט,
פון ליכט, מיט פליגל צוויי צעלאָזט,
אַ מלאך ווערט.

אַ גאַנצן חודש שנייט און שנייט,
זיך אין די ווענט.
און אויפן טיש דער לייכטער שטייט,
די ליכט אַלץ ברענט.

קרעדאָ

צו זיין אַ באַרימטער איז ניט שיין.
ניט דאָס הייבט־אויף אין דער הייך.
מען דאַרף ניט איינפירן קיין אַרכיוו
און ציטערן איבער כּתב־ידן.

דער ציל פון יצירה איז זעלבסט־אָפּפער
און ניט טאַרעראַם, ניט דערפּאָלג.
ס׳איז שענדלעך פאַר אַן אומבאַטייטיקן
צו זיין אַ משל אויף אַלעמענס ליפּן.

מ׳דאַרף לעבן ניט קיין זעלבסט־געקרויינטער,
נאָר לעבן אַזוי, אַז סוף־כּל־סוף
זאָל מען צוציִען די ליבע פון מרחק
און דערהערן דעם רוף פון עתיד.

און מען דאַרף איבערלאָזן די השמטות
פון גורל — ניט וואָס עס פעלט אין פּאַפּירן —
ערטער און ראשי־פּרקים פון אַ גאַנץ לעבן
בלויז פאַרצייכענען אויף די ראַנדן.

און אונטערטוקן זיך אין אַנאָנימקייט,
אין איר באַהאַלטן דיינע פוסטריט,
ווי אין טומאַן באַהאַלט זיך אַ געגנט
און עס זעט זיך אין איר גאָרניט אָן.

נאָך די לעבעדיקע שפּורן וועלן אַנדערע
דורכגיין דיין וועג טראָט נאָך טראָט,
נאָר צווישן מפּלות און נצחונות
דו אַליין דאַרפסט ניט אונטערשיידן.

און דו טאָרסט ניט מיט דיין מינדסטער מינע
פאַרראַטן דיין (באַשיידענעם) פּנים,
נאָר זיין אַ לעבעדיקער און ניט מער,
ניט מער ווי אַ לעבעדיקער ביזן סוף.

געשפּענסט מיטן ביקס

געשפּענסט מיטן ביקס ביים טייך פון מיין געמיט!
מיושבדיקער יעגער, ניט שלאָג זיך מיט דער דעה,
ניט קלייב מיך אויס צו זיין דער לעצטער פון דער מאה,
צו זעטיקן דיין לוסט אויף דרויב צעשפּליטער ניט!

לאָז מיך זיך אויפהייבן איבערן שענדלעכן טויט.
אין שוויס און אין אייז קלייד אָן אויף נאַכט מיין הויט
און פון דער אָזערע צעפּוזשע אינדערפרי.
ציל זיך, מאַך אַ סוף! דערשיס מיך אין פלי!

און פאַרן זכות פון הילכיקער צעשיידונג היינט,
אָ, מיינע, וואָס כ׳האָב אייך פאַרמיאוסט, ניט אָנערקענט,
איך דאַנק אייך און איך קוש אייך אין די הענט,
געבוירן־לאַנד און פאַרכט, געזינד און פריינד!

ניט אָנצורירן

„ניט אָנצורירן — די פאַרב איז פריש!"
נאָר ס׳האָט ניט געהיט זיך די נשמה,
איז דער זכרון מיט פלעקן אויף הענט און פיס
און אין די אויגן, ניט בלויז אין פנים.

פון אַלע דערפאָלגן מיינע אויף דער וועלט
ביסטו מיר דערפאַר מער ליבער,
ווייל ס׳ווייסע ליכט, וואָס איז פאַרגעלט,
איז ווייסער פון ווייס אין דיין מסיבה.

און מיין חבר — מיין חושך, שווער איך דיר,
אַז ער וועט נאָך ווי עס איז ווערן
ווייסער פון דאַמף און פון מיין דעליר
און פון ווייסן באַנדאַזש אויף מיין שטערן.

אַ גרויליק מעשהלע

אַלץ וועט בייטן זיך סוף־כּל־סוף.
די קרוינשטאָט וועט פאַרבויען זיך, באַלעבן.
דער פּחד פון קינדער, אויפגעוועקטע פון שלאָף, —
פאַר דעם וועט מען קיינמאָל ניט פאַרגעבן.

מ׳עט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם צער
פון שרעק־צעאַקערטע קליינע געזיכטער.
ס׳וועט דאַרפן כּפל־כּפלים דערפאַר
דער שונא באַצאָלן אין דער געשיכטע.

מ׳עט געדענקען דעם שאָס פון זיין קאַנאָן,
די פּינקטלעכע צייט פון זיין פאַרברעכן,
ווען אַלץ, וואָס געוואָלט, האָט ער געטאָן,
ווי הורדוס אַמאָל אין בית־לחם.

די נייע, די בעסערע צייט וועט קומען.
קיין עד־ראיה וועט שוין ניט לעבן,
נאָר די יסורים פון קינדער־בעל־מומים
וועלן ניט ווערן פאַרגעסן, פאַרגעבן.

אָסיפּ מאַנדעלשטאַם (1938 — 1891)

סטאַלין

מיר לעבן און קענען ניט אונטער זיך אונדזער ערד,
אונדזער דרשה צען שפּאַן אַוועק בלייבט ניט דערהערט.
נאָר אויך אין אַ שמועס אַ קאַרגן
דערמאָנט מען דעם קרעמלשן באַרגמאַן.

פעט זענען, ווי ווערעם, די פינגער פון זיין האַנט,
ווי פודאָווע געוויכטן — זיינע ווערטער קוראַנט.
ער לאַכט אין די וואָנצעס, ווי פון אַן אינסעקט,
און ס׳גלאַנצן די כאַליעוועס אומבאַפלעקט.

אין קרייז פון משרתים — גראָב־הויטיקן ערב־רב —
ער שפּילט מיט האַלבמענטשנס דינסט פון אַ שקלאַף.
ווי פּאַדקאָוועס שמידט ער אַ פּסק נאָך אַ פּסק —
ווער מען אין שלייף, וועמען אין אויג און וועמען אין באַק.

און איטלעכן מאָרד פאַרבייסט ער מיט אַ מאַלינע,
און ברייט איז זיין ברוסט — פון די געפּאַלענע...

אין וועלפישן יאָרהונדערט

פאַרן דונעריקן רום פון די צוקונפטיקע יאָרן,
פאַרן הויכן אַלגעמיין־מענטשלעכן מין
כ׳האָב אויף דער שׂמחה פון אָבות מיין כּוס פאַרלאָרן
און מיין ערע און שטאָלץ מיט דעם, וואָס איך בין.

דער וועלפישער יאָרהונדערט שפּרינגט אויף מיר, שמעקט מיך,
נאָר קיין בלוט פון אַ וואָלף ניט פאַראַן איז אין מיר.
ווי אַ היטל אין אַרבל איר בעסער פאַרשטעקט מיך, —
אינעם אַרבל פון פעלץ אין אַ סטעפּ פון סיביר.

כ׳וויל קיין פּחדן ניט זען זיך אין אַ בלאָטקע אַ גרויער
און אויך ניט מיט צעבראָכענע ביינער אין ראָד —
כ׳וויל ביינאַכט אַנשטאָט וועלף זאָלן פּיקסלעך בלויע
פאַר מיר בלאַנקען, ווי ערשט וואָלט באַשאַפן זיי גאָט.

פירט אַוועק מיך צום טייך יעניסיי אין סיביר,
ווו די סאָסנע איז ביז צו אַ שטערן געשטיגן,
ווייל קיין בלוט פון אַ וואָלף ניט פאַראַן איז אין מיר
און ביטער מיין מויל קרימט זיך פון אייער ליגן.

באַוועגונג

פון די ים׳ען און די לענדער האָט איר מיך באַרויבט,
אַ באַשרענקטן אָנשפאַר פאַר מיין פוס דערלויבט, —
וואָס האָט איר געפועלט, מיין באַוועגונג באַגרענ׳צנדיק?
דער סך־הכּל איז דאָך גלענצנדיק:
מיינע ליפּן זיך באַוועגן,
זיי פאַרצאַמען האָט איר ניט געקענט די פרייע וועגן.

פראַגמענט

איך בין ניט מער קיין קינד. דו, קבר, שטום!
ניט וואָג צו לערנען אַ בעל־מום!
איך רעד פאַר אַלע מיט אַזאַ מין היץ פון גלויבן,
ווי ס׳וואָלט דער גומען אין מיין מויל געווען דער הימל אויבן,
און ווי די ליפּן מיינע וואָלטן
געווען די ערד־ליים, אין אַ טריקעניש צעשפּאָלטן.

צו נאַדיעזשדאַ מאַנדלשטאַם

פאַר דיינע שמאָלע פּלייצעס — רויט צו ווערן פון די שמיץ, —
רויט צו ווערן פון די שמיץ און אין פראָסט צו קריגן היץ.

פאַר דיינע הענט די קינדישע — צו הייבן שווערע פרעסן, —
צו הייבן שווערע פרעסן, שטריק צו דרייען, פלאַקס צו דרעשן.

פאַר דיינע פיס די צאַרטע — באָרוועס אומצוגיין אויף גלאָז, —
באָרוועס אומצוגיין אויף גלאָז, פאַרבלוטיקן דעם זאַמד, די גראָז.

און פאַר מיר אויף דיין אָרט — ווי אַ שוואַרצע ליכט צו ברענען, —
ווי אַ שוואַרצע ליכט צו ברענען און תּפילה טאָן ניט קענען.

אין אָוונט

מירןביידע — דו און איך —
בלייבן זיצן אין דער קיך.

ס׳שמעקט די ווייסע גאַזע זיס.
שאַרף — דער מעסער, ס׳ברויט
איז פריש...

אויב דיר ווילט זיך עפּעס טאָן,
פּאָמפּע שטייף דעם פּרימוס אָן.

און אויב ניט, אַ שטריק געפינ
צו פאַרבינדן דאָס געפּעק,

פאָרן מיר אויף נאַכט אַוועק
צום וואָקזאַל, און ביז באַגין,

ניט־דערקענטע צווישן פיל,
שלאָפן מיר דאָרט אויפן דיל.

אַ רייזע

אויף אַ שליטן אויסגעבעט מיט שטרוי פון קאָרן,
קוים באַדעקטער מיט אַ ראָגאָזשע פּאַטאַלער,
זיינען מיר פון וואָראָביאָווער בערג געפאָרן
צו אַ קלויסטערל — דורך מאָסקווע דער קאַלאָסאַלער.

אין אוגליטש די קינדער וואַרפן זיך מיט שנייען.
ס׳שמעקט מיט צוגעברענטן ברויט פון בעקערייען.
איבער גאַסן פאָר איך מיט אַ קאָפּ אַנטבלויזטן —
כ׳האָב מיין הוט געלאָזן אינעם קליינעם קלויסטער...

איבער גריבער האָט געוואָרפן זיך דער שליטן.
פון הוליאַנקעס האָבן אומגעקערט זיך מאַסן,
האָבן ביי די טויערן געמיניעט זיך, געביטן
דאַרע פּויערים און פּויערטעס־מרשעתן.

ס׳האָט געשוואַרצט די פייכטע ווייט מיט סטייעס ראָבן.
גוף — אַ שוידער! שטייפע הענט — צונויפגעבונדן.
דעם צאַרעוויטש פירט מען דאָס אַזאַ, — באַגראָבן?
ניין, מען האָט די געלע שטרוי אונטערגעצונדן.

שווערקייט און צאַרטקייט

איר שוועסטער — שווערקייט און צאַרטקייט — די זעלביקע האָט איר סימנים.
אי די האָניקבין אי די וואָספּ זייגט ביי דער שווערער רויז.
אַ מענטש שטאַרבט, אָנגעוואַרעמטער זאַמד קילט זיך אָפּ,
און אויף אַ שוואַרצער מיטה די נעכטיקע זון טראָגט מען אַרויס.

אַך, דו שווערער סטעלניק און צערטלעכע נעצן!
ס׳איז גרינגער אַ שטיין אויפצוהייבן, ווי דיין נאָמען איבערצוזאָגן!
עס בלייבט מיר איבער בלויז איין זאָרג אויף דער וועלט:
אַ גאָלדענע זאָרג — די לאַסט פון דער צייט איבערצוטראָגן.

גלייך ווי אַ טונקל וואַסער טרינק איך די מוטנע־געוואָרענע לופט.
אַ פלוג האָט די צייט אויפגעאַקערט, ערד איז געוועזן די רויז.
אין לאַנגזאַמען קעסלגרוב, פון שווערע און צערטלעכע רויזן,
די רויזן פון שווערקייט און צאַרטקייט, אַ צווילינג־קראַנץ די צייט
פלעכט אויס.

מאַרינאַ צוועטייעוואַ (1892—1941)

אַ קול פון אונטער דער ערד

דורכגייער, וואָס דו ביסט אין מיר געראָטן,
וואָס גייענדיק לאָזסטו די אויגן אַראָפּ! —
כ׳פלעג אויך אַזוי קוקן אַרונטער צום באָדן.
דורכגייער, גיי ניט פאַרביי, שטעל זיך אָפּ!

און בשעת פון דער פוטערבלום, וואָס זיך מיניעט,
און דער מאָנבלום דו רייסט אָן אַ בוקעט,
לייען איבער, אַז כ׳האָב געהייסן מאַרינע
און ווי אַלט כ׳בין געווען, — עס שטייט אויפן ברעט.

ביים קבר ניט טראַכט, אַז כ׳טו אָט דערוואַכן,
כ׳דערשיין און אַ שוידער וואַרף אָן, —
כ׳האָב צופיל אַליין ליב געהאַט לאַכן,
ווען דאָס איז פאַרבאָטן צו טאָן.

און ס׳בלוט פלעגט מיר שלאָגן צום פּנים
און כ׳פלעג גרייזלען די לאָקן פון קאָפּ.
כ׳בין געווען, וואָס געווען, להכעיס די שׂונאים.
דורכגייער, גיי נאָך ניט, שטעל זיך אָפּ!

רייס זיך אויס אַ שטענגל צי קוויק זיך בעסער
מיט די פּאָזעמקעס פון דאָס פעלד, —
פון בית־עלמינס פּירות זיסער און גרעסער
איז גאָר ניט פאַראַן אויף דער וועלט.

נאָר ניט שטיי אַזוי פאַרכמורעט, פאַרטרויערט
מיט געזונקענעם קאָפּ אויף דער ברוסט.
טראַכט פון מיר גרינג, אָן באַדויער
און גרינג מיך פאַרגעס, אָן פאַרלוסט.

ס׳באַגילדט דיך אַ שטראַל פון גנעדיקן ווילן,
דער שטויב אַרום דיר אויף אין גאָלד איז פאַרקערט.

און זאָל דיך אומהיימלעך ניט מאַכן צו פילן
מיין קול פון אונטער דער ערד.

דער שטאַמזיידע

עמעצער פון מיינע אָבות איז געווען אַ פידלער,
אַ קונצן־רייטער און אַ גנבֿ צו דעם.
אפשר דערפאַר איז וואַגאַבונדיש מיין טבֿע
און ס׳שמעקן מיט ווינט מיינע האָר — ניט פאַרקעמט.

איז דאָס ניט ער, דער טונקעלער, וואָס גנבֿעט
אין מאַרק — מיט מיינע הענט — דעם אַפּריקאָס,
דער שולדיקער פון מיין תּאוותשן גורל,
דער קוטשעראַווער מיט דער האָרבאַטער נאָז?

ביים שטוינען אויפן פויער, ווען ער אַקערט,
האָט ער מיט אַ דאָרן אין מויל זיך געשפּילט.
אַ חבֿר געווען איז ער אַ שלעכטער,
אָבער אַ ליבהאָבער — אי צערטלעך אי ווילד.

האָלד געהאַט די פּיפּקע, די לבֿנה און קרעלן
און אַלע יונגע שכנות — האָט דער ברען.
עס דאַכט זיך מיר אויך, אַז אַ פּחדן
איז מיין געלאָויגיקער שטאַמזיידע געווען.

פאַר אַ גראָשן צום טייוול פאַרקויפט די נשמה,
ביינאַכט דעם בית־עלמין פלעגט ער מיידן אין שרעק.
און ס׳דאַכט זיך מיר נאָך, אַז אַ מעסער
האָט ער געטראָגן אין כאָליעווע פאַרשטעקט —

און ער האָט ניט איינמאָל ווי אַ קאַץ געשפּרונגען
פון אַ ווינקל, ווו ער איז געווען פאַרהילט...
און כ׳האָב עפּעס פאַרשטאַנען, אַז ער האָט גאָר
אינגאַנצן אויף קיין פידל ניט געשפּילט.

ווי דער פאַראַיאָריקער שניי אין זומער,

האָט אים גאָרניט געאַרט, וואָס עס געשעט.
אַזאַ מין פידלער איז מיין שטאַמזיידע געווען
און איך בין געוואָרן אַזאַ מין פּאָעט.

אויגנשיינלעך משפּט ניט
(דעם איבערזעצערס אַ וואַריאַנט פון אָריגינאַל)

מען האָט געמיינט — אַ מענטש איז ער
און שטאַרבן האָט מען אים געניים.
— באַווײנט אים איצט, ער לעבט ניט מער,
נאָר איר באַווײנט אַ מלאכס טויט...

ער האָט געזונגען דאָס געזאַנג
פון אָוונט, ווען זיין טאָג פאַרגייט,
און ווי אויף שניי דער זונפאַרגאַנג,
פון זיך אַ שיין האָט ער געשפּרייט.

איצט שטעלט מען אים צוקאָפּנס ליכט
ס׳זאָל זיין נשמה ליכטיק זיין.
און קוקט ניט אָן זיין בלינד געזיכט —
ס׳אַ מאַסקע פון פאַרשטאַרטן פּיין.

די ליכט ווער דאַרף?! ס׳אַ בייזער שפּאַס
פאַר זיין נשמהס ליכט־פאַרמעג,
ווי אַ לאַמטערן אויף דער גאַס
באַלייכטן וואָלט דער זון דעם וועג.

דאָך אויגנשיינלעך משפּט ניט
און ווען דער תּהילים־זאָגער זאָגט,
זינגט איר דעם זינגערס ריטמיש ליד
און הערט — ער לעבט, דער דופק שלאָגט.

און די לוויה, וואָס איר זעט,
איז תּחית־המתים פון דעם פּאָעט.

באַשאָנקען און באַרויבט

פאַראַנען גליקלעכע מענער און פרויען,
וואָס קענען ניט זינגען. פאַר זיי איז דאָס
גיסן טרערן גרינג. ווי זיס איז דעם טרויער
זיך אויסצוגיסן מיט אַ מבולדיקן גאָס! —

ס׳זאָל אונטערן שטיין עפּעס טאָן אַ ציטער.
נאָר מיר — מיין באַרוף, ווי אַ בייטש פאַרן שקלאַף,
אינמיטן מיין קרעכצן ביים קבר פאַרביטערט —
באַפעלט איך זאָל זינגען אַ לויב־עפּיטאַף.

אַזוי האָט דאָך דוד באַזונגען אין גרויל
זיין צעשניטענעם חבר אויף שטיקער!
און וואָלט אָרפּיי אַליין ניט אַרונטער אין שאָול,
נאָר אַהין בלויז זיין קול וואָלט ער שיקן, —

ווען ער וואָלט בלויז זיין קול אינעם חושך געשיקט
און אַליין ביי דער שוועל געשטאַנען אַן איבעריקער,
וואָלט געפירט פונעם קול, ווי פון אַ שטריק,
צו אים אַרויפגעקומען זיין ווייב עוורידיקע...

געפירט, ווי פון אַ שטריק און ווי פון ליכט, זי זאָל
אָן אומקער בלינד צוריק אין שאָול ניט קומען.
ווייל אויב, פּאָעט, מען האָט געגעבן דיר אַ קול,
האָט מען דאָס איבעריקע צוגענומען.

ערב אָפּשייד

מיט גרויסער צערטלעכער ליבע,
ווייל כ׳גיי באַלד אַוועק פון אַלעמען,
טראַכט איך: פאַר וועמען לאָז איך איבער
מיין וועלפּישן פעלץ דעם וואַרעמען?

וועמען וועט אָנקומען מיין ווייכער פּלעד
און מיין דין שטעקעלע פון יאַמש?
און וועמען — מיין זילבערנער בראַסלעט,
באַשאָטן מיט טורקיזענעם זאַמד?

און אַלע קוויטלעך און קוויטלעך, וואָס כ׳היט,
ווען מיינע אויגן וועלן זיין פאַרמאַכט?..
אָ, לעצטער גראַם פון מיין לעצטן ליד!
און דו, לעצטע מיינע היגע נאַכט!

דער שלאָף

מיין מויל, וואָס קריגט און זינגט להכעיס,
וועט מיד ווערן סוף־כל־סוף.
די צייט וועט אָפּנאַרן מיין נחת
און קומען וועט דער שלאָף.

כ׳וועל ליגן שטיל, די וויִעס שליסן,
קיין טרערן ניט פאַרגיסן.
כ׳וועל שלאָפן שטיל און אָן מיין וויסן
וועל בוים און פויגל גריסן.

לידער

לידער וואַקסן ווי בלומען און ווי שטערן —
אָן איבעריקע שיינקייט, אָן אַ נוץ.
און אויף די לאָרבערקראַנצן, וואָס באַערן,
איז פאַראַן איין ענטפער: — אַ פוסטער פוץ.

איר שלאָפט — און דורך די ברוקשטיינער זיך שטרעקט
מיט פליגל־בלעטלעך אַ גאַסט פון הימל.
אָ, וועלט! אין שלאָף איז דעם פּאָעט אַנטפּלעקט
דעם שטערנס תוך, די פאָרמולע פון בלימל.

אַ קינד פון ליבע
(אַן איבערזעצונג מיט אַן אויסזעצונג)

אַ יעדער ליד פון ליבע איז אַ קינד,
געבוירן אומגעזעצלעך, אָן פאַרמעג,
ניט אויסגעלייזטער בכור, ביים ברעג פון וועג
אַוועקגעלייגטער קרבן צו דעם ווינט.

פאַרן האַרצן — אַ מזבח און אַ גיהנום־בראַנד,
פאַרן האַרצן — אַ גן־עדן און אַ שאַנד.
ווער איז דער טאַטע? מעגלעך ס׳איז אַ גראַף —
יאָ, מעגלעך ס׳איז אַ גראַף און מעגלעך ס׳איז אַ שקלאַף.

*

אוי, מאַרינע, אוי, מאַרינע!
ענטפערט מאיר זימל:
מעג זיין דער טאַטע גאָט אין הימל,
צי דער שוואַרצער שטן,
איז מיר ניט קיין נפקא־מינה,
אַבי דער ממזר איז געראָטן.

מוסטערהאַפט און פשוט

איך בין גליקלעך צו לעבן מוסטערהאַפט אויפן פשוטן שטייגער
ווי די זון, ווי דער לוח, ווי דער אומרו פון זייגער —
זיין אַ שלאַנקער מדברניק אין אַ וועלטישער שטאָט;
אַ גרויסער חכם — ווי יעדע באַשעפעניש פון גאָט;

וויסן: מיין גייסט, וואָס פירט, און מיין גייסט, וואָס באַגלייט;
אַריינקומען ווי אַ שטראַל, ניט געמאָלדענערהייט;
לעבן אַזוי ווי כ׳שרייב: מוסטערהאַפט און געפּרעסט, —
ווי גאָט האָט געבאָטן און קעגן חברימס פּראָטעסט.

דער פויגל פעניקס

ברענגט מיר וואָס איר דאַרפט ניט, איך דאַרף עס.
אַלצדינג אויף מיין פייער דאַרף ווערן פאַרשׂרפעט.
אי ביים לעבן אי ביים טויט איך בעט פאַר מיין פייער
אַ קליינע נדבה, אַ גרינגן צושטייער.

אַ פלאַקער האָט ליב וואָס לייכטערע זאַכן:
פאַראַיאָריקע צווייגן, קראַנצן, אַלמאַנאַכן.
פון אַ שפייז אַזאַ מין טוט פלאַמען דער שייטער.
און איר וועט אויפשטיין מער פון אַש געלייטערט!

כ׳בין דער פויגל פעניקס, כ׳זינג בלויז אין פייער.
שטיצט מיין הויכן לעבן, גיט מיר צושטייער!

הויך ברען איך און ווער פאַרברענט אין מײַן שײַן.
און זאָל פאַר אײַך די נאַכט אַ ליכטיקע זײַן!

אַ שײַטער פון אײַז, אַ פײַער־פאָנטאַן!
הויך טראָג איך מײַן הויכן שטאַנד,
הויך טראָג איך מײַן הויכן ראַנג, —
אַ, מײַנע שעצערס און יורש־עצרס!

אַ ברכה

אַ דאַנק דיר, גאָט, אַ לויב דײַן נאָמען,
פאַר ערד און ים איך דאַנק און בענטש,
און פאַרן שײַנעם גוף פון מענטש,
און — זײַן אומשטערבלעכער נשמה.

און פאַרן הייסן בלוט אין האַרצן,
און פאַרן קאַלטן וואַסערטראַנק,
און פאַרן ליבעגליק דעם צאַרטן,
און פאַרן וועטער, גאָט, אַ דאַנק!

צוויי ביימער

צוויי ביימער באַגערן אײנער דעם אַנדערן.
צוויי ביימער. קעגנאיבער איז מײַן הויז.
אַלטע ביימער. אַן אַלט הויז.
איך בין יונג, אַניט וואָלטן מיר אפשר
די פרעמדע ביימער ניט אָנגעגאַנגען.

דער בוים, וואָס איז קלענער, ציט די הענט,
ווי אַ פרוי, מיט זײַנע לעצטע אָדערן
זיך אויסגעצויגן, — ס׳איז גרויזאַם צו קוקן
ווי ער ציט זיך צו יענעם, דעם אַנדערן,
וואָס איז עלטער, מער שטאַנדהאַפטיק און — ווער ווייס? —
מער נאָך אומגליקלעך, אפשר.

צוויי ביימער: אין פיבער פון שקיעה,
און אונטערן רעגן, און נאָך אונטערן שניי —
תמיד, תמיד: אײנער צום אַנדערן,

אַזוי איז דער געזעץ: איינער צום אַנדערן,
איין געזעץ: איינער צום אַנדערן.

אַ פרוי פון די אינדזלען

מיין האַלטונג איז אַ פשוט־פּראָסטע,
מיין היים איז אָרעם, אין אַ העק.
כ׳בין דאָך אַ פרוי אַ פּרימיטיווע
פון אינדזלען ערגעץ ווייט אַוועק.

אַליין — איך דאַרף ניט האָבן קיינעם
נאָר קומט ווער, שלאָף איך ניט קיין נעכט.
צו אָפּקאָכן דעם פרעמדן וואַרמעס —
די שטוב פאַרברענען ביי מיר איז רעכט.

איין קוק אויף מיר — און שוין באַקענט זיך.
געקומען — ווילסטו בלייבן, בלייב!
מיר האָבן פשוטע געבאָטן,
פאַרשריבענע אין אונדזער לייב.

ווען די לבנה שמייכלט ליבלעך,
אין דלאָניע מאַניען מיר איר שיין.
און קלייבט ער זיך אַרויס, דער פרעמדער,
איז ווי ער וואָלט גאָרניט אַריין.

כ׳באַטראַכט דעם שניט פון מעסער זיינעם
צי ס׳וועט פאַרהיילן זיך בין וואַן׳
ס׳וועט קומען בעטן אַ טרונקוואַסער
דער ערשטער מידער פרעמדער מאַן.

די טענצערקע און איר טאָכטער

די שקיעה האָט באַגעגנט מיט פאַרבן
די קאָדעטן, וואָס מאַרשירן און זינגען.
האָט די מאַמע מיר געזאָגט פאַרן שטאַרבן:
— טאָכטער, פאַרקלייד זיך פאַר אַ ייִנגל!

אונדזער גאַנצער ווײַסער וועג דער צעשײַנטער
איז ביי זיי, ביי די יִינגלעך, אין הויפן.
ווי גרינגפיסיק ס'זאָל אַ מיידל ניט זיין דיר,
וועט זי ווייטער פון האַרץ ניט אַנטלויפן.

און זי איז, בעת דאָס מאַרשירן און זינגען,
אין בעט צווישן לעבן און טויט שוין געהאַנגען,
דאָך האָט דער צופוסנס ניט אויפגעהערט שפּרינגען,
ביז מיין מאַמע, די טענצערקע, איז אויסגעגאַנגען.

...איצט, ווען ס'האַרץ ווערט שוואַכער און שוואַכער
און דער רופא פעלט אויס פאַר דער מכה,
ווייס איך: פאַרן האַרץ איז דער קאָפּ אַ זנאַכער
און פאַרן קאָפּ אַ כירורג — די האַק איז.

אַ ראָמאַנס

דער רעגן קלאַפּט אין פענצטער אָן אָן אויפהער,
אַן אַרבעטער ביים וואַרשטאַט סקריפּעט, קריצט.
איך בין געווען אַ זינגערין אין גאַס און הויפן,
און דו — אַ פירשטס אַ זון, פון יחוס־שפּיץ.

איך האָב געזונגען און אַ טרער פאַרגאָסן,
נאָר גרויסמוטיק, אַראָפּ פון אויבנאָן,
ניט צוגעוואָרפן האָסטו מיר אַ גראָשן, —
דו האָסט צו מיר געשמייכלט פון באַלקאָן.

דעם אַלטן פירשט איז דאָס ניט וויל־געפעלן,
ער האָט ביים זון די שליפעס אָפּגעפליקט,
און איך זאָל מער אין הויף קיין פוס ניט שטעלן,
האָט ער אויף מיר די כלבים אָנגעשיקט.

און יענע נאַכט, פאַר חרפה און פאַר צאָרן,
געטרונקען האָב איך בראַנפן גלייך פון פלאַש
און כ'בין די טאָכטער פון אַ פירשט געוואָרן,
און דו — אַ וויסטער זינגער אויפן גאַס.

ציגײַנערשע לוסט

ציגײַנערשע לוסט פֿון צעשייד! —
ערשט זיך באַגעגנט, שוין זיך געזעגנט.
די האַנט אויפֿן שטערן, איך קלער פֿון באַשייד
און כ׳קוק אין דער נאַכט מיר אַנטקעגן:

ס׳האָט נאָך קיין גריבלער אין אונדזערע בריוו
ניט דערטראַכט זיך ביז צום דנאָ פֿון מאָטיוו,
אַז מיר זענען בטבע פֿאַררעטער, איך מיין —
מיר זענען בטבע געטריי זיך אַליין.

ס׳געזעגן איבער אַלע געזעצן

פֿון אַלע דעקאַלאָגן טײַערער
פֿאַראַן בײַ מיר אַ שאַץ צו שעצן —
אַן אַנדערער געבאָט ווי אײַערער,
ס׳געזעגן איבער אַלע געזעצן.

פֿאַר אים זיך בייגן אַלע וואָפֿנער
און אַלע פֿינקלשטיינער שוואַרצן:
ס׳געזעגן פֿון האַנט דערלאַנגטער, אָפֿענער
און פֿון אַנטבלויזטן גאַנצן האַרצן.

ווײַסגוואַרדייער און רויטאַרמייער

צוזאַמען אַלע ליגן זיי,
ניט אָפּגעשיידט מיט קיין טראַנשיי,
סאָלדאַטן אַלע — פּי אין בוינע, —
ווער איז אונדזערער, ווער — דער שׂונא?
דער „ווײַסער" איז פֿון בלוט שוין רויט,
דער „רויטער" איז שוין ווײַס פֿון טויט.

דער צווילינג

אויב די נשמה איז געבוירן מיט פֿליגל —
וואָס זײַנען איר ערדשטיבלעך צי פּאַלאַצן פֿון ציגל!

וואָס איז איר טשינגיסכאַן און וואָס איז זײַן האָרדע!
איך האָב אויף דער וועלט צוויי שׂונאים געפּאָרטע,

אַ צווילינג באַהעפטער, כאָטש ניט — דופּליקאָטן:
דער הונגער פון הונגעריקן, די זאַטקייט פון זאַטן.

צוויי זונען

צוויי זונען קילן זיך אָפּ — אָ, גאָט, ניט פאַרפריר! —
אין הימל איז איינע, די צווייטע — אין מיר.

די זונען צוויי האָבן אַמאָל מיך פאַרבלענדט,
פון זינען געררירט, שיער ניט פאַרברענט.

נאָרביידע קילן זיך אָפּ — זייער שטראַל טוט מער ניט וויי!
און קאַלט ווערן וועט פריִער די הייסערע פון זיי.

מלאכים

גאָט האָט איינגעבויגן זיך פון שאַפן פיל
און איז געוואָרן שטיל.
נאָר אָט האָט ער צעשמייכלט זיך, געמאַכט אַ ברכה
און באַשאַפן די הייליקע מלאכים
מיט גופים, וואָס שיינען.
מלאכים האָבן פליגל קאָלאָסאַלע,
אָבער ניט אַלע,
ס׳טרעפט אויך, אַז אָן פליגל זיי זיינען.

דעריבער וויין איך און וויין, —
דעריבער,
וואָס מיר זיינען די מלאכים ליבער
פון גאָט אַליין.

אַ טראָפּן

אַ טראָפּן, ווי אַ טרער אַ וואַרעמע,
האָט אין מיין אויג אַריינגערעגנט.
פאַר גאָט אין הימל דעם דערבאַרעמער
וויינט דאָרט אַ בעטער פון מיינעט וועגן.

אַ טאָג אָן אַ טאָלק

כ׳האָב היינט אַ טאָג פון אַ באַלוואַן:
איך בעט אויף ברויט ביים אָרעמאַן
און אַ נדבה כ׳שענק דעם גביר.

איך צי אַ שטראַל אין נאָדלס לאָך,
איך גיב דעם גנב דעם שליסל נאָך,
מיין בלייך געזיכט מיט קרייד איך שמיר.

דער קבצן גיט מיר ניט קיין ברויט,
דער נגיד איז ניט אין קיין נויט,
דער שטראַל אין נאָדל גייט ניט אַריין,

דער גנב דאַרף קיין שליסל ניט,
מיר העלפט די קרייד קיין ביסל ניט, —
אַ טאָג אָן טאָלק, אַ טאָג אָן שייַן.

שמחה און צרות

שמחה איז ווי צוקער —
ווען ס׳פעלט, אויקעסטו,
אָבער אַז ס׳איז דאָ,
איז שפּעטער מיט אַ שעה:
זיס, און איבלדיק.

צרות, איר צרות,
ניט זיס אויפן טעם —
געזאַלצענער ים!
אי איר קאָרמעט אָן,
אי איר פּאָיעט אָן,
אי איר פאַרדרייט דעם קאָפּ,
אי איר דינט אָפּ!

װלאַדימיר מאַיאַקאָװסקי (1893 — 1930)

אַן אויסערגעװײנלעכע געשעעניש

מיט זונען הונדערטער די שקיעה האָט געפלאַמט.
דער זומער האָט אין יולי שוין אַרײַנגעשפּאַנט.
ס'אַ היץ געװען, מען איז אין שװײס געשװומען —
און דאָס איז אויף אַ דאַטשע פֿאַרגעקומען.
פּושקינאָ דאָס פֿאַרבערגל פֿון באַרג אַקולאָװ
האָט זיך געהױקערט קעגן ברודער, װאָס איז העכער.
צום באַרגס צופֿוסנס האָט זיך צוגעטוליעט
אַ דערפֿל מיט צעקרימטע קאָרעדיקע דעכער.
און הינטער אָט־דעם דערפֿל איז געװען אַ לאָך,
װוּהין לויט אַ מעכאַנישן געזעץ
האָט זיך די זון פֿאַרנאַכט געזעצט
פּאַמעלעך, אָבער זיכער, בלויז כּדי דערנאָך
אויף מאָרגן אויפֿצושטײַן, אַ רויטע, װידער
און אַלץ פֿאַרגיסן מיט איר הייסער שײַן.
אַזוי טאָג־אויס, טאָג־אײַן,
אַזש ס'איז געװאָרן מיר דערװידער.
און אײנמאָל, װען איך בין אַרײַן אין צאָרן,
װאָס פּלוצעם טונקל איז געװאָרן,
כ'האָב צו דער זון גענומען שרײַען:
„אַראָפּ! גענוג אין גיהנום זיך צו שלײַען!
גענוג עס זאָלן אײדל־פּאַטשקען דיך די װאָלקנס!
גענוג דיר, טראַמבעניק, זיך לײדיק בלאָנקען,
װען איך אין זומער װי אין װינטער זיץ
און מאָל פּלאַקאַטן אין דער היץ!"
און נאָך האָב איך געזאָגט מיט אַ געשרײ:
„הער אויס, אײדער זאָלסט אַרומגײן פּוסט־און־פּאַס,
קום בעסער שוין צו מיר צו גאַסט,
קום אויף אַ גלעזל טײ!"
אוי, װאָס האָב איך געטאָן! איך בין פֿאַרפֿאַלן!
מיט גוטן װילן, אויפֿגעלײגט, צעהעלט,
מיט ברײט־צעשפּרייטע טריט פֿון שטראַלן
מאַרשירט צו מיר די זון אין פֿעלד.

איך וויל מיין פחד איר ניט ווייזן
און הינטערווייַלעכטס כ׳נעם זיך רוקן.
נאָר אָט אין סאָד שוין אירע אויגן קוקן,
אָט דורכן סאָד שוין טוט זי שפּרייזן.
אין פענצטער, טירן און אין שפּאַלטן
עס וואַליעט זיך די מאַסע פון דער זון.
אַריין; דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט, האָט איינגעהאַלטן
די זון צו מיר אַ באַסעווע געטון:
„דאָס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע
וואָס כ׳יאָג פון זיך אַוועק דעם פלאַקער.
דו׳סט מיך פאַרבעטן? שטעל זשע כּיבוד, דיכטער,
און איינגעמאַכטס צום טיי פאַרגעס ניט טאַקע!״
פון מיינע אויגן טרערן רינען —
דער בלענד, די היץ פירט מיך אַראָפּ פון זינען,
נאָר מיט אַ שמייכל אין געזיכט
איך בעט צום טיש די האַרענטע פון ליכט.
דער רוח האָט מיך געשטופּט מיט פייער זיך צו שפּילן,
און אויפן עק פון באַנקביים טיש
איך זיץ צעטראָגן און צעמישט —
כ׳זאָל נאָך ניט ערגער אָפּשניידן, חלילה.
נאָר ס׳האָט אַ מאָדנע ליכט פון איר געשיינט
און כ׳האָב אין איינגעהאַלטנקייט פאַרגעסן —
צוביסלעך זיך צערעדט, געזעסן
און מיט דער זון פאַרבראַכט ווי מיט אַ פריינד.
איך האָב פון דאָס און יענס גערעדט
און אַז ס׳איז מיר דערעסן די פּלאַקאַטן מאַכן,
נאָר ס׳האָט די זון געשמייכלט: „עט, פּאָעט,
ניט מאַך קיין וועזן פון די זאַכן!
און מיר צו לייכטן, מיינסטו, אַז ס׳איז גרינג?
נאָר אַז דו נעמסט זיך אונטער, טוסטו עס בשלימות.
דו גייסט אין שפּאַן, דו דרייסט זיך אין אַ רינג,
דאָך לייכטסטו און דו וואַרעמסט אָן איניינעם״.
אַזוי געפּלוידערט האָבן מיר ביז אָוונט.
וואָס פאַרא אָוונט אין דער זונס מסיבה?
מיר זיינען זיך געוואָרן היימיש, נאָענט,
פון וויטן „איר״ אויף נאָנטן „דו״ אַריבער.
דער זון מיין פריינדשאַפט דריק איך אויס גאָר גיך
מיט קלאַפּן ווי אַ פּאַניבראַט אין פּלייצע.

און זי צעשמייכלט זאָגט מיר: „דו און איך,
מיר זיינען צוויי חברים הייסע.
מיר ביידע וועלן גיין באַלייכטן און באַזינגען
די גרויע וועלט, וואָס אין דער נידער:
איך — זון וועל מיינס טאָן, אַז ס׳זאָל פינקלען,
און דו טו דיינס מיט דיינע לידער״.
די וואַנט פון שאָטנס, פון די נעכט די תפיסה
פאַלט איין פאַר דער צוויי־רערן־ביקס פון זונען.
פון ליכט געמישט מיט לידער איז אַ גאַנץ געוויסער,
גיס ליכט אויף אַלץ פון פולע טונען!
אַמאָל, אַ מידער, ווילט זיך צוליגן ביינאַכט,
עס כאַפּט מיך אָן אַ טעמפּער שלאָף.
נאָר פלוצעם — לייכט איך מיט דער גאַנצער מאַכט,
ס׳איז ווידער טאָג, טאָג אָן אַ סוף.
צו לייכטן תמיד, לייכטן אומעטום,
ביז צו די לעצטע טעג פון לעבן,
צו לייכטן — ניט צו עפּעס אַנדערש שטרעבן —
מיין לאָזונג איז און פון דער זון!

סערגיי יעסענין (1925 — 1895)

געבלוי

אין דורכזיכטיקער קעלט צעבלויען זיך די טאָלן,
דער קלאַפּ פון קלאָען דייטלעכער הילכט אויף.
דאָס גראָז אין אָפּגעקראָכענער צעשפּרייטער פאָלע
פון אָפּגעוווייטן קוסט דעם קופּער קלייבט צונויף.

דער רויער נעפּל, ווי אַ דוהע, ציט דורך גריבער,
ווי מאָך געקרויזטער, וויקלט איין די וויסט,
און איבערן טייכל הענגט זיך דער פאַרנאַכט אַריבער.
אין ווייַסן וואַסער שווענקט די בלויע פיס.

✶

פון אָסיען־קעלט צעפאַרבט די האָפענונגען זייַנען,
מייַן פערד אַ שטילער, ווי דער מזל, גייט
און מיט דער פייכטער ליפּ, מיט דער בולאַנער זייַנער
ער כאַפּט דעם פאַכעדיקן ברעג פון קלייד.

אין ווייטן וועג מיך ציִען אומגעזעענע סליאַדן
ניט צו אַ שלאַכט און ניט צו רויִקייט —
פאַרשווינדן וועט פון טאָג די גאָלדענע פּיאַטע,
די מי וועט לייגן זיך אין קאַרב פון צייט.

✶

די פּליכעוואַטע בערגלעך און דער זאַמד אין גראָבנס
אין אָפּשיין רויטלען זיך מיט שיטנדיקן ראַסט,
און ס׳טאַנצט די דעמערונג אין אומרו פון די ראָבן
און, ווי אַ פּאַסטעך, אין דעם מולד־האָרן בלאָזט.

אַ רויך אַ מילכיקער די דערפער ווינטיק ליוליעט,
נאָר ס׳איז ניט ווינט, ס׳איז לייכטער קלונג, וואָס וויגט.
און רוס אין בענקשאַפט פריילעכער זיך צוגעטוליעט
צום געלן באַרג־אַראָפּ אַ דרעמלענדיקע ליגט.

✶

עס לאָקט אַ נאַכטלעגער, ניט ווייט שוין צו אַ כאַטע,
פון גאָרטן שמעקט פאַרוויאַלעטער אוקראָפּ,
אויף גרויע בייטן קרויט צעכוואַליעטע קודלאַטע
גיסט אייל דער מולד־האָרן טראָפּ נאָך טראָפּ.

מיך ציט צו וואַרעמקייט, די לופט פון ברויט איך אָטעם
און אוגערקעס איך כראָמטשע אין מיין טרוים.
דער הימל ציטערט אויף, צערודערט זיך אין שאָטן
און פירט אַרויס פון שטאַל אַ וואָלקן אויפן צוים.

✶

אָ, נאַכטלעגער אין פויערישע שטיבער!
דיין בלוט־צענומענקייט איז מיר באַקאַנט אַזוי,
די באַלעבאָסטע שלאָפט, און מיט די פיס אָן ליבע,
די פאַראַלמנהטע, דריקט איין די פרישע שטרוי.

שוין העלער טאָג, אַ הייליק בילד אין ווינקל
מיט פאַרב פון טאַראַקאַנעס איז באַראַמט,
נאָר אויף דער מוטנער שויב דאָס רעגנדל נאָך שפּרינקלט
און אין זיין מאָרגן־תּפילה זיך פאַרזאַמט.

✶

און ווידער ליגט פאַר מיר דאָס בלויע פעלד אַנטקעגן,
עס וויגן קאַליוזשעס אַ רויטע יונגע זון,
און נייע פרייד און לייד דאָס בלוט אין האַרצן וועקן
און ס׳קלעפּן נייע רייד זיך אויף דער צונג.

די בלויקייט גליווערט, ווי אַ וואַסערל אין לויפן,
עס גייט מיין פערד, די לייצעס הענגען לויז,
און בלעטער פון זיין שירץ נעמט אָן דער ווינט אַ הויפן
און וואַרפט מיר נאָך, באַגלייט אין וועג אַרויס.

ליד וועגן אַ צויג

פרימאָרגנס אין שייער פון קאָרן,
ווו ס׳גילדן זיך ראָגזשעס אין ריי,
איז אַ צויג געלעגן געוואָרן
מיט הינטעלעך זיבן. זי האָט זיי

דעם גאַנצן טאָג געלעקט — ניט פאַרלאָזן —
זיי געקעמט מיט איר צונג און באַהויכט.
דער צעשמאָלצענער שניי איז געפלאָסן
פון אונטער איר וואַרעמען בויך.

נאָר אין אָוונט, ווען ס׳זעצן זיך הינער
אויף סידעלע, האָט אין אַ זאַק
דער ווירט מיט אַ ביטערער מינע
אַלע זיבן אַריינגעפּאַקט.

האָט זי אין טיפן שניי געפלייסט זיך
צו מיטהאַלטן זיין איילִיקן גאַנג,
און ס׳האָט דאָס וואסער ס׳ניט־פאַראייזטע
געציטערט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג!..

ווען קריק זי האָט געשלעפּט זיך אַ מאַטע
און דעם שוויס פון די זייטן געלעקט,
האָט איר דער מולד איבער אַ כאַטע,
ווי איינס פון די הינטלעך, זיך אַנטפּלעקט.

צו דער הייך דער בלויער מיט די אויגן,
האָט זי געהוילט מיט אַ קוויטש,
נאָר ס׳האָט דער מולד אָפּגעצויגן,
זיך הינטער אַ באַרג אַוועקגעגליטשט.

און שטום, ווי אין שפּאַס מען וואָלט איר
געוואָרפן אַ נדבה — אַ שטיין,
האָט פון אירע אויגן געראָלט זיך,
ווי שטערן אין שניי, איר געוויין.

די קו

אַלט, אָן ציין; שוואַך, פאַרחלשט;
הערנער — מגילות פון טעג;
לעצטע אין סטאַדע פון אַלע,
ערשטע צום פאַסטעכס געשלעג.

ס'האַרץ איז דעם טומל ניט גערן —
מייזעלעך קראַצן אין שטאַל.
קלערט זי אַ טרויעריק קלערן
וועגן ווייספּיסיקן קאַלב.

מוטער פון קינד אָפּגעריסן,
פרייד איז געווען און — געפעלט.
אונטער אַ בוים האָט געשמיסן
ווינט אויף אַ פלאָקן א פעל.

באַלד וועט מען זי, ווי איר ביקל
נעמען פון גרעטשענער שטרוי,
שלייפן איר האַלדז מיט אַ שטריקל,
פירן צום שעכטן אַזוי.

דאַרשטיקע הערנער נאָך רחמים
עקבערן וועלן די ערד...
ווייס־וואַלד און גראָזענע פלאַכן
וועלן ניט האָבן קיין ווערט.

פערד און באַן

האָט איר געזען,
ווי עס לויפט איבער סטעפּן,
געהילט אין אָזערעשע נעפּלען,
נאָר זיין אייזערנע נאָז הערט מען כראָפּן, —
אַ באַן אויף טשוהונענע לאַפּעס?
און נאָך אים
איבער הויכער גראָז ביים וועג דעם שפּאַלישן,
ווי אויף יום־טוב פון געיעגן ריזיקאַלישע
פאַרוואַרפט די דינע פיס צום קאָפּ,
אַ רויט־גריוועדיק זשערעבטשיק אין גאַלאָפּ?

ליבער לאָשעק, געפאַלן איז דיין ווערט,
ניט מאַך זיך נאַריש, אויף לויפן דו בריה,
ווייסטו ניט, אַז ס'האָט די לעבעדיקע פערד
באַזיגט די מעטאַלענע קאַוואַליעריע?

ווייסטו ניט, אַז אַפילו אין אַ העק
וועסטו ניט אומקערן צוריק די צייטן,
ווען ס'פלעגט דער ווילדער פעטשענעג
אויף אַ פערד צוויי שיינע רוסינקעס בייטן?

דער גורל האָט איבערגעפאַרבט קאָמערציעל
אונדזער מיט אַ גרילץ אויפגעוועקטן פרימיטיוו,
און פאַר טויזנטער פּוד פערדיש פלייש און פעל
קויפט מען אַצינד איין לאָקאָמאָטיוו!

מיר גייען אַוועק

אין דעם לאַנד, ווו רויִק אַלע בלייבן,
גייען מיר איצט ביסלעכווייז אַוועק.
אפשר באַלד אויך איך וועל דאַרפן קלייבן
מיינע וויסטע בעבעכעס אין וועג.

איר ברעזע-וועלדער מיינע ליבע!
ערד און זאַמד פון אונטער מיינע טריט!
זע איך ווי מען פעקלט זיך אַריבער,
שטיקן קאָן איך ניט מיין שווער געמיט.

צופיל ליב געהאַט האָב איך דעם חומר,
אַלץ, וואָס קליידט די זעל אין קערפער אָן.
פריד ביים ברעג צו די צעשפּרייטע ביימער,
וואָס פאַרקוקן זיך אין ראָזן תּהום.

פיל רעיונות האָב איך דורכגעקלערט דאָ,
לידער אויך האָב איך אַ סך פאַרפאַסט,
און אַפילו אויף דער כמורנער ערד דאָ
בין איך גליקלעך וואָס איך בין איר גאַסט, —

וואָס כ׳האָב פרויען אויסגעקושט די גלידער
און געוואַלגערט זיך אויף גראָז און צוויט;
וואָס כ׳האָב חיות ווי די קליינע ברידער
איבערן קאָפּ געשלאָגן קיינמאָל ניט.

כ׳ווייס אַז ס׳בליט ניט וואַלד אין לאַנד אין יענעם,
קאָרן קלינגט ניט מיט זיין שוואַנענהאַלדז, —
אָט דערפאַר, אַז כ׳זע אַוועקגיין ווענען,
פיל איך ווי עס ציטערט אין מיר אַלץ.

כ׳ווייס, אַז דאָרט, ווי איצט אין שקיעה־פייער,
וועט דאָס פעלד ניט גאָלדיקן זיך מער,
אָט דערפאַר מיר זיינען מענטשן טייער,
וואָס מיט מיר דאָ לעבן אויף דער ערד.

ניט אומזיסט

ניט אומזיסט האָט ווינט געבלאָזן,
האָט געוויטערט ניט אומנישט —
מיינע אויגן אָנגעגאָסן
האָט אַ נסתר מיט שטיל ליכט.

מיט זיין גנאָד דעם פרילינגדיקן
האָב איך טרויערן אויפגעהערט
נאָך אַ שיינער אַ ניט־היגער,
נאָך אַ רעטזלהאַפטער ערד.

דריקט ניט מילכוועג מיט זיין שטומען
און דער שטערן־פחד פעלט.
פלוצעם האָב איך ליב באַקומען,
ווי אַ פּאַטערס הויז, די וועלט.

אַלץ אין איר איז הייליק, זעליק,
אַלדאָס אומרויִקעס לייכט,
רויטער מאָן פון שקיעה קוועליק
פליעסקעט אויפן גלאָז פון טייך.

און אין קאָרענעם געווימל
הימיש, ווי מיט שטרוי אַרום,
לעקט דער אָפּגעקעלבטער הימל
ס׳רויטע קעלבעלע — די זון.

מיט רחבות גרעטשענער

מיט רחבות גרעטשענער אין ברוסט,
מיין ענגער היים בין איך ניט גערן.
איך וועל אַוועק מיט וואַנדערלוסט,
אַ וואַגאַבונד, אַ גנב ווערן.

כ׳וועל אַ כאַלופּקע זוכן גיין
אין ווייטן טאָג אין קוטשעראַוון,
און שאַרפן וועט מיין פריינד אַליין
אויף מיר זיין מעסער אין כאַליאַווע.

מיט זון און פרילינג איז אַרום
געוויקלט געלער וועג פון קרייטער;
און די, וואָס כ׳היט איר נאָמען פרום,
וועט פון איר שוועל מיך טרייבן ווייטער.

און קערן זיך וועל איך אַהיים,
די פרעמדע פרייד וועט טרייסט ניט ברענגען.
אין גרינעם אָוונט אין געהיים
איך וועל זיך אויף מיין אַרבל הענגען.

די גרויע ווערבעס אויף מיין טויט
די קעפּ נאָך צאַרטער וועלן בייגן.
מען וועט אַן אומגעוואַשענעם ביים פּלויט
צום וואָי פון הינט אין דר׳ערד מיך לייגן.

ס׳וועט שווימען די לבנה הויך,
אין אָזערעס די וועסלעס זינקען,
און רוס וועט לעבן אָן מיר אויך,
ביים פּאַרקאַן טאַנצן, טרערן שלינגען.

ערשטער שניי

גיי איך אין ערשטן שניי, און אין מיר
בליִען לאַנדישן, כּוח דערוואַכט.
מיט אַ ליכטל פון בלויען קאָליר
אויף מײַן וועג צינדט אַ שטערן די נאַכט.

אָ, איך ווייס ניט צי ס׳פינצטערט, צי ס׳העלט?
שאָלט דער ווינט צי עס קרייט גאָר אַ האָן?
אפשר גאָר שטאָט דעם שניי אויפן פעלד
אויפן גראָז פליִען שוואַנען זיך אָן?

ווייסע גלאַטקייט, ווי רייצפול דו ביסט!
פרעסטל, וואָרעמסט מײַן בלוט מיט אַ קנייפּ.
די אַנטבלויזטע בערעזעשע בריסט
ווילט זיך דריקן אַזוי צו מײַן לײַב.

אָ, פון וואַלד קאַלעמוטנעם דער רוף!
אָ, פון פעלדער פאַרשנייטע די פרייד!
ס׳ווילט זיך שליסן די הענט אַרום גוף
פון דער ווערבע, וואָס שטייט אָן אַ קלייד.

צו אַ קליאָן

קליאָן דו בלעטערלאָזער, קליאָן מיט אייז פאַרגלייזטער,
אין דער זאַווערוכע איינגעבויגן שטייסטו.
הערסטו אַזוי איין זיך? קוקסטו אויסצושפּירן?
דאַכט זיך, ביסט געגאַנגען הינטערן דאָרף שפּאַצירן
און גלייך ווי אַ וועכטער, שיכּורלעך אַ ביסל,
אינעם שניי פאַרזונקען, אָפּגעפרירט די פיס זיך.
אָ, די פיס אויך מײַנע — גאָרניט וואָס געווען,
ניט דערגייין אַהיים שוין וועל איך אונטערן גלעזל.
דאָרט פאַר ווערבעס, סאָסנעס, ווי פאַר גוטע ברידער,
אינעם שניי געזונגען האָב איך זומער־לידער.
ווי אַ קליאָן אַליין זיך פאַרגעשטעלט אין זינען,
אָבער ניט אָן בלעטער, נאָר נאָך גאָר אַ גרינעם.
און אַרומגענומען, ווי אַן אומפאַרשעמטער,
האָב איך אַ בערעזע, ווי אַ ווײַב אַ פרעמדע.

אַ הוליאַנקע

מען טרינקט ווידער, מען שלאָגט זיך, מען וויינט
צום טרויערשפּיל פון דער האַרמאָשקע.
געשטרויכלט, פאַרשעלט מען דעם שטיין;
מען בענקט נאָך אַמאָליקער מאָסקווע.

אויך איך, מיטן קאָפּ איינגעבויגן,
מיט בראַנפן פאַרגיס מיינע אויגן,
כ'זאָל ניט קוקן דער וואָר אין געזיכט,
נאָר טראַכטן פון מונטערער פליכט.

פאַרלוירן האָט יעדער דאָ עפּעס,
איך — מיין וועסנע די בלויע, די בלאַנקע.
דערפאַר פון אַ פּגר אַן עיפּוש
עס שלאָגט פון דער וויסטער הוליאַנקע.

ס'איז היינט ביי די רוסן אַ ווילטאָג
מיט ספּירט סאַמאָהאָן — הוראַ!
דער שפּילער מיט דער נאָז דער צעפּוילטער
זינגט פון דער וואָלגע און דער „טשעקאַ".

זיי מורמלען אַנטקעגן „אָקטאָבער",
וואָס האָט זייער מוט אויפגעוועקט.
דעם מוט פאַרבאַהאַלטן זיי אָבער —
אַ מעסער אין שטיוול פאַרשטעקט.

אַ כּעס אין די אויגן די רויטע,
רעוואָלט איז אין זייער געשריי,
די יונגע געפאַלענע שוטים
אין טרויער באַדויערן זיי.

וווּ רוט איר אַצינד נאָך די קאַמפן?
לייכט דאָרט אייך אונדזער גליק פון דער ווייט?
דער האַרמאָניקער היילט מיטן בראַנפן
זיין סיפיליס פון אַט יענער צייט.

ניין! אָ'דאָס רייסט מען ניט אויס מיטן שורש,
ווען מען שפּייזט מיט צעפּוילטקייט הפקרות.
אָ, רוסלאַנד, סאָוועטן־פאַרבאַנד,
אַזיאַטישער קאַנט!

אַדיע!

איך בין דער לעצטער פּאָעט פון דאָרף.
אַדיע, באַשיידענע בריק פון ברעטער!
אַן אָפּשייד־מעסע פּראַווען מיר בערעזעס
מיט ווייַרעכפּאַנען פון זייערע בלעטער.

מיט גאָלדענעם פלאַם וועט אויסברענען
פון מיין חלב די ליכט, וואָס איז גראָ,
און דער לבנהס הילצערנער זייגער
וועט אויסכריפּען מיין צוועלפטע שעה.

באַלד וועט קומען אויפן בלוילעכן פעלד
אַן אייזערנער אורח צו לויפן
און דעם האָבער, אין מאָרגנשייַן געוויקטן,
איינזאַמלען מיט זיין שוואַרצן הויפן.

איר, ניט־לעבעדיקע, פרעמדע דלאָניעס,
ניט ביי אייך וועלן לעבן געזאַנגען!
נאָך זייער באַלעבאָס דעם אַלטן
וועלן וויינען די פערדישע זאַנגען.

ס'וועט דער ווינט אייַנזייגן זייער הירזשען,
אָ רעקוויעם טאַנצן צום קראַק פון דער קראָ.
באַלד, באַלד וועט דער הילצערנער זייגער
אויסכריפּען מיין צוועלפטע שעה.

מאַרגאַריטאַ אַליגער (1972—1915)

האַרבסט

האַרבסט האָט ערשט זיך גענומען צו דער אַרבעט,
ערשט אַרויסגענומען די פּינזלען, די פאַרבן,
ווו-ניט־ווו עפּעס־וואָס אָפּצוגילדן פּרובירט,
עפּעס־וואָס מיט אַ פּורפּור־קאָליר אָפּגעשמירט —
און ער האָט זיך פאַרהאַלטן, ווי צו באַשליסן
צי ער זאָל אַזוי אָנגיין ווייטער צי ניט.

אָטאָ נעמט ער אַן אַנדער קאָליר צו פאַרמישן
און אין צווייפל טרעט אָפּ אַ פּאָר טריט.
אָטאָ האָט ער אין כּעס אויסגעבראָכן
און אויף שטיקלעך אַלצדינג ער צערייסט...
ביז אַמאָל צום באַרוטן בטחון
האָט ביינאַכט זיך דערהויבן זיין גייסט.

און מיט רעיון און דמיון צעשפּילט,
מיט פאַראייניקטע כּוחות פון שאַפן,
מאָלט ער דעמאָלט אויס אַזאַ בילד,
אַז מיט אויגן פאַרגלאָצטע מיר גאַפן.
דער געשמאַק איז ביי יעדן פאַרשידן,
אָבער יעדער גיט־צו, אַז ס׳איז גרויס.

נאָר דער האַרבסט איז נאָך אַלץ ניט צופרידן:
עס איז ווידער ניט דאָס נאָך אַרויס!
און מיט רעגן און ווינט וועט פאַרלענדן
ער אַליין זיין פולקום מאָלעריי
און אַ ווינטער מיט אַ זומער פאַרשווענדן,
ערשט דערנאָך אָנצוהייבן אויפסניי.

יעווגעני יעווטושענקאָ (1933—)

באַבי־יאַר

ניטאָ אויף באַבי־יאַר קיין מאָנומענט,
פון באַרג דער אָפּריס איז דער שטיין געשטעלטער.
מיך גרוילט. כ׳בין אַלט אַזוי אין דעם מאָמענט,
ווי ס׳איז דעם פֿאָלק ישׂראלס טיפֿע עלטער.

עס דאַכט זיך מיר אַצינד, אַז כ׳בין אַ ייִד.
אַט וואָגל איך אין אור־אַלטן מצרים.
און אַט בין איך געקרייציקט, און עד־היום
די נעגלשטעך אויף מיר פֿאַרוואַקסן ניט.

און ווייטער דאַכט זיך מיר, אַז איך בין דרייפֿוס.
דער פּעבל איז מיין מוסר און מיין שופט.
כ׳בין הינטער גראַטעס. אין אַ קלעם בין איך, —
באַליגנערט און באַשפּייט, מיט שליפֿעס אָפּגעריסענע,
און ס׳קוויטשען דאַמעלעך מיט שפּיצן בריסעלער
און טיקען מיט די שירעמס אין געזיכט.

עס דאַכט זיך מיר —
אַז כ׳בין אַ ביאַליסטאָקער ייִנגל.
עס גיסט זיך בלוט און פֿליסט אין יעדן ווינקל.
עס בושעווען די רעדל־פֿירער פֿון טראַקטיר
און ס׳זעצט פֿון זיי אַ גרוך אַן איבלדיקער
פֿון שנאַפּס צונויפֿגעמישט מיט ציבעלע.
אַן אָפּגעשטופּטער מיט אַ שטיוול, מאַכטלאָז,
אומזיסט ביי די פּאָגראָמשטשיקעס בעט איך רחמים.
געהעצט פֿון רוף: „שלאָג ייִדן, רוסלאַנד ראַטעווע!"
מיין מאַמען אַ פּריקאַשטשיק קאַטעוועט.

אָ, רוסיש פֿאָלק דו מיינס! איך ווייס גאַנץ גוט,
אַז דו ביסט אינטערנאַציאָנאַל בפֿועל־ממש,
נאָר ס׳האָבן יענע מיט די הענט אין בלוט
זיך מיט דיין ריינסטן שם געמאַכט רעקלאַמע.
איך ווייס — מיין לאַנד איז גוט, האָט אַלעם האָלד.

ווי געמיין, וואָס אָן אַ ציטער פֿון אַן אָדערל
עס האָבן די אַנטיסעמיטן גדול׳דיק
געררופֿן זיך: „פֿאַראיין פֿון רוסישן פֿאָלק״!

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַנאַ פֿראַנק —
אַ דורכזיכטיק גרין צווייגעלע אין פֿרילינג.
און כ׳בין פֿאַרליבט, און ניט קיין פֿראַזן איך פֿאַרלאַנג,
צו קוקן פֿריינד אין פֿריינד — איז בלויז מיין ווילן.
ווי ווייניק איז צו שמעקן דאָ און זען!
קיין הימל ניט און ניט קיין בוים מיט בלעטלעך.
מיר קענען אָבער טאָן אַ סך, — מען קען
אין צימער פֿינצטערן אַרומנעמען זיך צערטלעך.
מען גייט אַהער? — ניט שרעק זיך. אָט די קלאַנגען
דעם פֿרילינגס זענען זיי — ער גייט, ער שפּרייזט.
קום נענטער, די ליפּן גיך דערלאַנג מיר.
מען ברעכט די טיר? — ניין, ס׳פּלאַצט אַזוי דאָס אייז...

אויף באַבי־יאַר דאָס ווילדגראָז שוידערט, שאָרכעט.
ווי שופֿטים קוקן ביימער שטרענג אַזוי.
דאָ אַלץ שרייט שטילערהייט, און אַז כ׳נעם פֿאַרכטיק
אַראָפּ דאָס היטל, פֿיל איך ווי כ׳ווער גרוי.
אויך איך בין קלאַנגלאָז אויסגעשריי אַצינד
אויף טויזנט טויזנטער אין דר׳ערד דער קאַלטער.
איך בין אַ יעדער דאָ דערשאָסענער אַלטער.
איך בין אַ יעדער דאָ דערשאָסן קינד.

אַלץ וואָס אין מיר וועט דאָס שוין ניט פֿאַרגעסן!
זאָל דעמאָלט שאַלן דער „אינטערנאַציאָנאַל״,
ווען ס׳וועט דער לעצטער יידנפֿיינט אַ מת זיין
און שוין באַגראָבן — זיין פֿונאַנדערפֿאַל.

ניטאָ קיין יידיש בלוט אין מיין געבליט,
נאָר טעמפּ פֿון האָס פֿאַרוואָרצלטן אין נעכטן,
פֿאַר די אַנטיסעמיטן בין איך ווי אַ ייד.
און אָט דערפֿאַר בין איך אַ רוס אַן עכטער.

וועגן מענטשנס גורל

קיין ניט־אינטערעסאַנטע מענטשן איז נישטאָ.
ווי די פּלאַנעטן אויבן, אויך די מענטשן דאָ
אינגאַנצן אַנדערש זיינען — יעדער פון זיין כּלל,
ס'איז יעדער אייגנאַרטיק — אַן אָריגינאַל.

און האָט אַ מענטש געלעבט דאָ אומבאַמערקטערהייט
און כאָטש אַן אומבאַמערקטער, האָט ער זיך געפריידט,
איז ער אינטערעסאַנט מיט דעם אַליין געווען —
מיט בלייבן אומבאַמערקט, מיט זיין ניט־אָנגעזען.

ס'האָט יעדער מענטש זיין אייגענע געהיימע וועלט
און אין דער וועלט זיין גליקלעכסטער מאָמענט איז דאָ
און ס'איז פאַראַן זיין שוידערלעכסטע שעה,
פאַר אונדז איז אָבער דאָס פאַרהוילן און פאַרשטעלט.

און ווען עס שטאַרבט אַ מענטש, צוזאַמען שטאַרבט מיט אים
זיין ערשטער שניי און צוויט, אַלצדינג וואָס איז אינטים —
דער ערשטער קוש זיינער און אויך דער ערשטער שטרייט...
אַלצדינג מיט זיך פאַרנעמט ער אין דער אייביקייט.

געוויס, עס בלייבן איבער ביכער — גאַנצע בערג! —
און בריקן, און מאַשינען, און קינסטלערישע ווערק, —
געוויס, אַ סך בלייבט איבער פונעם מענטשנס מי
און דאָך לאיבוד עפּעס גייט אַוועק סיי־ווי!

אַזוי איז דער געזעץ פון דער אָן־רחמים־שפּיל.
ניט מענטשן שטאַרבן, נייערט וועלטן פון געפיל.
ס'געדענקען זיך אונדז מענטשן זינדיקע אַזוי,
נאָר וואָס בעצם ווייסן מיר פון זיי גענוי?

וואָס ווייסן מיר פון ברידער — אייגן ביין און לייב?
וואָס ווייסן מיר פון בוזעמפריינד און אייגן ווייב?
און וועגן אונדזער טאַטן, ווייסנדיק אַ סך,
מיר ווייסן גאָרנישט ניט, מיר ווייסן ניט קיין זאַך.

און מענטשן גייען אַלץ אַוועק, אויף ניט צוריק צו גיין,
און די געהיימע וועלטן קומען שוין ניט מיין.
און יעדן נייעם מאָל מיר ווילט זיך נאָך אַ מאָל
פון וועגן דעם ניט־אומקער שרייען אויפן קול...

דער דריטער זכרון

אַ יעדער מענטש לעבט דורך אַזאַ מאָמענט
ווען ייִאוש נעמט זיך צו אים קלעפּן
און אויסגעטאָן זיך נאַקעט, אומפאַרשעמט,
דערשיינט אָן זינען ס׳גאַנצע לעבן.

אַ טויטע קעלט אונדז אומגעריכט באַפאַלט
און זיך אַליין צו איבערשפּאַרן,
גלייך ווי אַ דאָקטער, דעם זכרון באַלד
מיר רופן, איידער מיר פאַרשטאַרן.

נאָר ס׳טרעפט אַמאָל אין אונדז אַזאַ מין תּל,
אַזאַ געדיכטע נאַכט אַ שוואַרצע,
אַז העלפן קענען שוין ניט אונדזער זעל
פון שׂכל דער זכרון צי פון האַרצן.

דער לעבעדיקער אויגנגלאַנץ פאַרגייט,
באַוועגונג, לשון — אָפּגענומען.
דאָך אַ געדעכעניש אַ דריטס באַשטייט,
זכרון פונעם קערפּער איז דער נאָמען.

טאָ זאָלן זיך די פיס דערמאָנען
די וואַרעמקייט פון שטויב אין וועג,
די קילקייט פונעם גראָז אויף לאַנען —
די באָרוועס־קינדערישע טעג.

און זאָל די באַק דערמאָנען זיך די וווּנד
נאָך אַ געשלעג, ווי מיט זיין שאַרסטקער צונג
ס׳האָט זי געטרייסט דער טרייער הונט,
וואָס אַלץ פאַרשטייט ער אויפן ווּנק.

און זאָל דערמאָנען זיך דער שטערן,
ווי ס׳האָט די מאַמע אים אַ קוש געגעבן, —
אַזאַ מין שטילן קוש — קוים־קוים צו הערן,
נאָר וואָס דיך בענטשט דיין גאַנצן לעבן.

די פינגער זאָלן זיך דערמאָנען וועגן
דעם בוים, דעם קאָרן און דעם שטילן רעגן,
דעם ציטער פונעם שפּערעלע אין הויפן,
דעם דראָזש, וואָס אויפן האַלדז פון פערד טוט לויפן.

די ליפּן זאָלן זיך דערמאָנען ליפּן
מיט אייז און פלאַם, מיט זון ביינאַכט. אין זיי
אַ גאַנצע וועלט איז — מיט אַ ליבן
גערוך אי פון מאַראַנצן, אי פון שניי...

און דו וועסט טון צום לעבן תּפילה:
„אין בלינדקייט דיך האָב איך באַשולדיקט בלינד.
איצט אין חרטה בעט איך דיין מחילה
פאַר מיין טעמפּקייט, ווי פאַר שווערע זינד.

און אויב מען דאַרף באַצאָלן טייער
פאַר דעם, וואָס דו ביסט שיין און פיין,
איז בין איך מסכּים אויפן שטייער,
ווי גרויס און שווער ער זאָל ניט זיין.

דעם גופס געדעכעניש זאָגט עדות,
אַז שיינקייט איז אין לעבן דאָ.
כּדאַי — די קלעפּ און די אַבדות
צוליב דער שיינער חיי־שעה.״

אין לויף נאָך זיך אַליין

איך שלייַע זיך אַרום אין שטאַטישן געדראַנג
ביים ברעג פון וואַסער פריילעכער, צעקוועלטער.
איך בין אַזוי ניט לאַגיש אין געדאַנק
און יונג אַזוי — ניט לויט מיין עלטער.

כ׳פּאַרנעם מיט כּוח אין טראַמוויי אַ פּלאַץ,
כ׳פּאַררעד זיך, פֿאַנטאַזיר ביז ליגן זאָגן.
איך לויף נאָך זיך אַליין, ווי נאָך איר עק אַ קאַץ,
און כ׳קאָן זיך ניט דעריאָגן.
איך גאַף אויף באַרזשעס מיט די ברייטע באַקעס,
אויף עראָפּלאַנען, אויף מיין אייגן ליד...
מען האָט מיר צוגעטיילט עשירות, גלייך ווי צדקה,
און וואָס מיט דעם צו טאָן — געזאָגט מיר ניט.

ווי אויף אַ הייפעלד

איך קוק ניט אין שפּאַקטיוו אויף די צי יענע
קלייניקייטן ניט־געזע׳נע,
ווען אויף מיין לעבנסוועג איך גיי,
ווי אויף אַ זומערדיקן פעלד פון היי.
צעכראַסטעט איז דער קאָלנער פון מיין העמד
און כ׳האַלט אין מיינע אומרויִקע הענט
וואָך איין, וואָך אויס — ראַמאַשקעס קליינע
מיט זיבן בליטלעך יעדע איינע.
דער ווינט די ליפּן מיינע טריקנט,
און איך אַן אַכזר בין אין פליקן
די קווייטעלעך די פרישע.
„זי ליבט״, אַ בליטל זאָגט אין גסיסה.
אוי, הערט נאָר, מענטשן! טראַלאַלאַ!
איך בין אַ גליקלעכער אַזאַ!
נאָר ס׳ענטפערט אָפּ געמיטלעך
אַ צווייטער פון די בליטלעך:
„זי ליבט ניט.״

אַנדריי וואָזנעסענסקי (1933 —)

פאַרנאַכטיקס

איך בין פאַרשיקט אין זיך אַליין,
כ׳בין דער פאַרשיקטער מיטן גלות צוזאַמען.
מיינע סאָסנעס ברענען — צווייגן און שטאַמען.

אין מיין מוטנעם געזיכט, ווי אין אַ שפּיגל,
דעמערן הירשן און ווילאַס מיט „פליגל״.

די נאַטור, וואָס אין טייך, איז אויך אין מיר,
אויך ערגעץ מחוץ — ניט רעפלעקטירט.

ציטערן דריי וועלדער, ווי שויבן אין פענצטער.
דריי רויטע זונען. ליבע, וואָס ברענסטו?

דריי פרויען אין איינער — קאַמופלאַזשטע,
ווי ליאַלקעס איינע אין צווייטער איינגעפּאַסטע;

איינע האָט מיך ליב, זי לאַכט פון צוואַנג;
די צווייטע ווי אַ פויגל רייסט זיך פון פאַנג;

אין אַ ווינקל לויערט די דריטע,
ווי אין פריסעק אַ קויל אַ צעגליטע.

זי וועט מיר קיינמאָל ניט פאַרגיבן,
זי וועט נאָך נעמען נקמה פאַר ליבן.

עס גליט איר פּנים מיט אַ פינקל,
ווי אויפן דנאָ פון אַ ברונעם אַ רינגל.

ביים ים

לייג מיר אַרויף די דלאָניעס דיינע
הינטער די פּלייצעס, נעם מיך אַרום.
בלויז דיינע ליפּן אָטעמען אויף מיינע,
בלויז הינטערן רוקן דער ים איז ניט שטום.
אונדזערע רוקנס זיינען געשלאָסענע,
ווי לבנהדיקע מושלען ניט־גייענדיקע.

מיר ליגן און הערן זיך איין, צונויפגעגאָסענע.
מיר זיינען, ווי דעם לעבנס פאָרמולע די צווייענדיקע.
אויפן ווינט פון אומרו אין דער וועלט
האָבן מיר מיט די רוקנס פאַרשטעלט
דאָס, וואָס צווישן אונדז זיך צינדט,
ווי מען היט מיט די דלאָניעס אַ פלעמל פון ווינט.
אויב ס׳איז וואָר אַז ס׳האָבן זעלן אַלע צעלן,
עפּן־אויף דיינע לופטשיקעס פאַרקלאַפּטע
און אין מיינע פאָרעס וועלן אַלע דיינע זעלן
זיך צאַפּלען, ווי פייגעלעך געכאַפּטע.
אַלע סודות וועט די וויסנשאַפט דערקלערן.
איז מעגלעך, אַז אונטערן פייף פון אוראַגאַן
צעשיידטע, וועלן מיר דאַרן און ווערן,
ווי פּוסטע מושלען אַן דעם הוזשען פון ים?
נאָר, שטורעם, כּל־זמן
ס׳האָט נאָך דאָס ניט געטראָפן,
שטויס אין די רוקנס — די מושלענע שיידן!
דאָס פאַרזינקט אין איין לייַב אונדזביידן.
מיר שלאָפן.

סטריפּטיז

אין רעווי
אַ טענצערין טוט זיך אויס — אָנצוציִען...
ווייַן איך דאָס? צי
די פּראָזשעקטאָרס די אויגן בריִען?
זי רייסט אַראָפּ איר שאַל, איר שאַרף און ציר,
ווי מען שינדט אָפּ די פעל פון אַ מאַראַנץ,
נאָר אין די אויגן איז אַזאַ פייגלשער טרויער ביי איר.
„סטריפּטיז" איז דער נאָמען פון אָט־דעם טאַנץ.

ס׳איז אַ גרויל. דער באַר איז מיט ליסינעס אַ פולער.
אַ פּייַפּעריי, אַ ווילד געהוליע.
ביי די שיכּורים זיינען די רויטע אויגן,
ווי פּיִאַווקעס מיט בלוט אָנגעזויגן.
אָט דער געלער, ווי מיט אַן איי־געלכל באַגאָסן,
ער לאַכט מיט פּניעמאַטישע שאָסן!

און יענער, ווי אַ וואַנץ, קריגט די שלאַק פאַר התפּעלות.
און דער סאַקסאָפאָן וואַיעט אַפּאָקאַליפּטישע יעלות.

אוניווערז, איך פאַרשילט דיין מאַסשטאַב ווי אַ פאַרס —
פאַר סטריפּטיז גלייך, ווי פאַר די פאַטאָס פון מאַרס!
איך שילט, נאָר באַוווּנדער איז דאָ אין מיין כּעס.
זע, אַ יוסטע דאַמע טאַנצט אויך אונטער דזשאַז!..

„איר זענט אַמעריקע?" ווי אַ נאַר וועל איך בעטשען.
וועט זי זיך צוזעצן, דעם פּאַפּיראָסל צעקוועטשן.
„יינגל", וועט זי זאָגן: „האָסט אַ שלעכטן אַקצענט.
באַשטעל מיר אַ מאַרטיני געמישט מיט אַבסענט!"

בעלאַ אַכמאַדולינאַ (1937—)

געזעגענונג

און זאָגן דיר וועל איך צום סוף:
אַדיע, ביסט ניט מחויב צו ליבן.
כ׳גיי פון זינען אַראָפּ, — צי אַרויף
צום שפּיץ פון שגעון געטריבן.

דו האָסט ניט געליבט, נאָר געליפּלט,
געקושט די מפּלה האָסט דו —
געליבלט, געליפּלט, פאַרקריפּלט
און אַזוי נאָך פאַרטאַטשנע דערצו.

אכזריות פון דורכפאַל און פּיין,
איך בין דיר ניט מוחל פאַרן ווייטיק.
נאָך בלאַנקעט מיין גוף, זעט די שיין,
נאָר אינווייניק דער קערפּער איז ליידיק.

עפּעס נאָך טוט דעם מאַרכס געווערק,
נאָר ס׳פאַלן די הענט, ווי אָן כוחות,
און ספּליִען פאַרביי אומבאַמערקט,
ווי קליינע סטייעס, קלאַנגען און ריחות.

אַ חלום

מיר חלומט זיך אין שלאָף: אי פּריש אי האַרב
איז די סעפּטעמבער־לופט. ס׳איז אַלץ מיר נאָענט:
דאָס אַלטע הויז, האַרמאָניש מיטן האַרבסט,
דער טעם פון עפּל, וואָס דער סאָד דערמאָנט.

נאָר פון די וויל־באַקאַנטעביימער איצט
אַ פרעמדער מאַן די עפּל זאַמלט איין.
ער זאָגט: דעם גוט געזעצלעך ער באַזיצט
און מיך פאַרבעט ער אין זיין הויז אַריין.

אַריין? ווי איז דאָס מעגלעך? וויפל מאָל
כ׳בין דאָ געווען באַצערט, אויך שטאָלץ געווען,

דאָ ווייך געטראָטן, ווי אויף צאַרטער וואָל,
געקוקט פאַרטראַכט און גאָרנישט ניט געזען!

אַזויפיל צייט פון דעמאָלט איז אַוועק,
און דאָך אין וואָלקן פון די ווייטע טעג,
אין אַנגסטן פון חלשות — כ׳שוויץ און כ׳פריר
און כ׳וואַקל זיך אין דרויסן פאַר דער טיר.

נאָר ס׳ווייזט זיך אויפן שוועל דעם סעדערס פרוי
און גריסט מיך מיט אַ שעמעוודיקן קול.
איך זאָג: ווי נעפּלדיק איז דאָ אַזוי!
איך אויך האָב אין דעם הויז געוווינט אַמאָל.

כ׳האָב דאָ געוווינט צוריק מיט הונדערט יאָר.
— מיט הונדערט יאָר, האָט איר געזאָגט? איר שפּאַסט.
ניין, שפּאַסן איצטער וואָלט זיך ניט געפּאַסט,
ווען ס׳איז דער סאָד מיין יאָרהונדערט אַ פּאָר.

ווי ניט פאַרביי עס וואָלטן הונדערט יאָר,
איז פריש די צאַרטע ליבשאַפט אין די הענט.
דער רויכיקער געדוך איז מיר באַקענט,
דער סאָד איז ניט געביטן אויף אַ האָר.

„אַזוי!״ רופט אויס דער סעדער מיט אַ שטאָך:
„אַ בילד מיט אַן אַלטמאָדישער פריזור,
פאַרשפּינוועבט אויפן בוידעם, ליגט דאָרט נאָך.
איז אפשר טאַקע דאָס פון אייך אַ שפור?

ווייל איר האָט זיך געביטן גאָר אַ סך
זינט יענעם בילד מיט לאָקנס אַלאַ־שיק;
זינט איר, פון זאָרג צי פון אַן אַנדער זאַך,
געשטאָרבן זענט מיט הונדערט יאָר צוריק.

דאָס גלייבט זיך. אָבער לעבן לאַנג אַזוי —
אַ שאָטן אויפן בוידעם, אַ סימבאָל
פון אייער צאַרטער ליבשאַפט צום אַמאָל? —
דאָס מאַכט מיך לאַכן, ליבע אַלטע פרוי!״

יוסף בראָדסקי (1940—)

דער יידישער בית־עלמין

דער יידישער בית־עלמין לעבן לענינגראַד.
אַ קרומער פּלויט פון צעפוילטן פּאַניר.
הינטערן קרומען פּלויט ליגן זייט ביי זייט
אַדוואָקאַטן, הענדלער, קלעזמער, רעוואָלוציאָנערן.

פאַר זיך אַליין געזונגען,
פאַר זיך אַליין געשפּאָרט,
פאַר אַנדערע געשטאָרבן.
נאָר קודם געצאָלט צינזן,
אָפּגעגעבן כּבוד דעם פּריסטאַוו
און אין דער וועלט, דער אומפאַרמיידלעך־מאַטעריעלער,
געלערנט אַ בלאַט גמרא,
געבליבן אידעאַליסטן.

אפשר מערער געזען,
אפשר בלינד געגלייבט,
אָבער קינדער געבילדעט, זיי זאָלן זיין טאָלערירט,
זיינען זיי געוואָרן האַרטנעקיק.

און ניט געזייט קיין ברויט,
קיינמאָל ניט געזייט קיין ברויט,
פּשוט אַליין זיך אַריינגעלייגט
אין דער קאַלטער ערד, ווי קערנער,
און אויף אייביק איינגעשלאָפן.
דערנאָך האָט מען זיי פאַרשאָטן,
געצונדן ליכט,
און אין טאָג פון יאָרצייט
האָבן הונגעריקע זקנים מיט הויכע קולות
און פאַרכאַפּטן אָטעם פון קעלט, געשריגן וועגן רו.

און זיי האָבן די רו באַקומען —
אין דער מאַטעריעס אויפלייז,
געדענקענדיק גאָרניט, פאַרגעסנדיק גאָרניט,

הינטערן קרומען פּלויט פון צעפּוילטן פּאַניר,
פיר קילאָמעטער פון טראַמווייס לעצטער סטאַנציע.

דער דענקמאָל

מירן שטעלן אַ דענקמאָל
אויפן עק פון אַ לאַנגער שטאָטישער גאַס
צי אין צענטער פון אַ ברייטן שטאָטישן סקווער —
אַ דענקמאָל, וואָס וועט אײַנגעשריבן ווערן
אין יעדן רעקאָרד פון קונסט,
דערפאַר וואָס ער וועט זײַן
אַ ביסל קאָנסטרוקטיוו און זייער רעאַליסטיש.
מירן שטעלן אַ דענקמאָל,
וועלכער וועט קיינעם ניט שאַטן.
צופוסנס דעם פּעדעסטאַל
וועלן מיר צעגראָבן די ערד פאַר אַ בייט,
און אויב ס'וועלן די טאַטעס פון שטאָט דערלויבן,
מאַכן מיר אַ קליינעם סקווער אַרום,
און אונדזערע קינדער וועלן זיך זשמורען
קעגן דער דיקער אָראַנזשענער זון
און אָננעמען די פיגור אויפן פּעדעסטאַל
פאַר אַן אָנערקענטן דענקער,
קאָמפּאָזיטאָר
אָדער גענעראַל.
צופוסנס דעם פּעדעסטאַל — בין איך ערוב —
וועלן יעדן פרימאָרגן זיך באַווייזן בלומען.
מירן שטעלן אַ דענקמאָל,
וועלכער וועט קיינעם ניט שאַטן.
אַפילו שאָפערן וועלן אָנקוועלן
פון זײַן גרויסאַרטיקן סילועט.
אויפן סקווער וועט מען מאַכן ראַנדעוווס.
מירן שטעלן אַ דענקמאָל,
פאַרביי וועלכן מירן זיך אײַלן צו דער אַרבעט,
ביי וועלכן וועלן זיך פאָטאָגראַפירן אויסלענדער.
בײַנאַכט וועלן מיר אים באַלייכטן
פון אונטן אַרויף מיט פּראָזשעקטאָרן.
מירן שטעלן אַ דענקמאָל דעם שקר.